STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05092

ERTS YISROEL IN MILHOME TSAYT

M. Sheykin

Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Paul & Rachael Klonymus Guth
in memory of
their beloved mother, Shiphrah Klonymus

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. שיינקין

ארץ ישראל
אין
מלחמה צייט

(פאקטען פון דעם דארטיגען אידישען לעבען.)

ארויסגעגעבען פון דער
ציוניסטישער פעדערייש‏אן אין אמעריקא.
ניו יארק, תרע"ז.

FEDERATION of AMERICAN ZIONIST
44 EAST 23rd STREET
NEW YORK

דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט פון אללגעמיינע
ציוניסטישע אנגעלעגענהייטען

טראנספער דעפּאַרטמענט

44 East 23rd St., New York City.
Telephone Gramercy 1071.

שיקט איבער געלדער און בריעף פון אמעריקאַנער אידען צו
זייערע קרובים אין אללע מלחמה לענדער
— פריי אָהנע קאָסטען —

אָפפיס שטונדען: טעגליך פון 9 פ. מ. ביז 6 נאַך מיטאג
פרייטאַג און זאָנטאג פון 9 פ. מ. ביז 3 נאך מיטאַג
שבת און יום טוב געשלאָסען

פלשתנה ביורה.

ווער עס האָט צו פרעגען עטוואַס וועגען קאָליניזאַציאָן אין ארץ ישראל: אחוזות קאָאָפּעראטיווען אדער פריוואט לייטע, קען זיך ווענדען צו דער פלשתנה ביורה, וועלכע איז געגרינדעט געווארען פון דעם פראָוויזאָרישען קאָמיטעט פיר ציוניסטישע אנגעלעגענהייטען; עס ווערען געגעבען גענויע אַנטוואָרטען און ערקלערונגען.

די אדרעססע:

Provisional Executive Committee
for Zionist Affairs for Palestine Bureau
44 East 23rd St., New York City.

דאס אידישע פאָלק.

די איינציגע ציוניסטישע וואָכענצייטונג אין דער אידי־
שער שפּראך אין אַמעריקאַ.

א. גאלדבערג, רעדאקטאָר

די בעסטע מיטארבייטער פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ.

פרייז אין אמעריקאַ, יעהרליך— — — —	$1.50
פרייז אין קאנאדא, יעהרליך — — — —	$1.40
פרייז אין אויסלאנד, יעהרליך — — —	$2.40
פרייז פון איינצעלנע עקזעמפּליארען — —	3 סענט.

אדרעססירט:

Dos Yiddishe Folk,

44 East 23rd St., New York City.

אינהאַלטס פערצייכניס :

זייטע

א) אללגעמיינע בעמערקונגען — — — — — — — 5

ב) דער עקאָנאָמישער קריזיס — — — — — — — — 8

ג) דיא זעלבסט הילפע — — — — — — — — 12

ד) דער אמעריקאַנער רעליעף — — — — — — — — 19

ה) די פּאָליטישע לאגע אין גליל און שמרון — — — — 23

ו) די פּאָליטישע לאגע אין יהודה — — — — — — 26

ז) בהא־אדין אין דיא ערשטע גזרות — — — — — 30

ח) דער בעוואוסטער דאנערשטאַג — — — — — — 35

ט) יד ישראל באמצע — — — — — — — — — — 40

י) דער קרימינאַל פּראָצעס געגען די ציוניסטען — — — 42

יא) פערשיעדענע פּראָצעסען — — — — — — — 50

יב) די ידיעות פון לעצטען יאהר — — — — — — — —53

ארץ ישראל אין מלחמה צייט

(פאקטען פון דעם דארטיגען אידישען לעבען.)

א) אלגעמיינע בעמערקונג.

דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קריזיס, וואָס דער נייער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל האָט איבערגעלעבט אין דער מלחמה־צייט, מוז דיענען אלס א פּראָבע־צייכען צו דער מדרגה פון שטארקייט, לעבענספעהיגקייט און ענטוויקלונגס־פעהיגקייט, צו וועלכער עס האט דערגרייכט אט דער נייער ישוב.

ווי אויף צו להכעיס פערשיעדענע הערשענדע טעאָריען און פערשיעדענע מיינונגען פון פּראַקטישע לייט, איז אין די לעצטע דריי צעהנדליגע יאהרען געשאפען געוואָרען א נייער ישוב אין א״י דורך אידעאַליזם, דורך אָפּפער, מיט דער הילפע פון געזעלשאפטליכער מאַטעריעלער און מאָראַלער אונטערשטיצונג. עס איז בעשאפען געווארען זעהר א קליינע, אבער א שעהנע וועלטעל. זאָגאר די געגנער האָבען עס געמוזט בעוואונדערען; זיי האָבען זיך געטרייסט דערמיט, אז דאָס איז אַ אוננאטירליכע עקזיסטענץ, א פלאַנצונג אונטער א גלאָז; זאָגאר פיעלע פון די פריינד האָבען אייגענטליך ניט געגלויבט אז דאָס איז אַ לעבענספעהיגע, זיכערע זאך.

עס איז געקומען א שטורמווינד און האט אנגענומען די קליינע געביידע, ווי מען זאָגט, ביי אלע פיער ווינקלען און ביי דעם דאך: אן אַבסאָליוטע בלאָקאַדע, אן אונגעווענליכער היישעריק, און דערצו נאָך די רעקוויזיציאן פון אן אָרעמער רעגיערונג. פון דער פּאָליטישער זייט: דער שטרענגסטער קריעגס־צושטאַנד, וואו מען ווארט יעדען טאָג אויף דעססאָנט, פיעלע גוטסבעזיצער און כמעט אלע פיהרער—פרעמדע אונטערטהאַנען פון פיינדליכע רעגיערונגען, און דערצו נאָך מסירות אויפ׳ן ציוניזם און אויף די ציוניסטען.

וואָס וועט יעצט זיין? איז דער בנין שוואך, וועט ער צופאַלען ווערען, צוריבען ווערען אין אש; וועט אַבער דער בנין בלייבען

איז א סימן אז ער האָט א שטאַרקען פונדאַמענט און שטאַרקע בינדע־פונקטען.

עס זיינען אַריבער צוויי מלחמה־יאָהר. דוקא דאָרט זיינען די הייסע מינוטען שוין אַריבער. ערגער ווי עס איז געווען, וועט שוין דאָרטען געוויס ניט זיין; פאַרקעהרט, עס געהט צו בעסער. אַלזאָ, איז דאָך טאַקע אינטערעסאַנט צו וויסען וואָס עס טהוט זיך יעצט דאָרט.

ליידער איז געווען אַזעלכע בעדינגונגען, וואָס האָבען געשטערט און ניט געלאָזט, און לאָזען נאָך יעצט ניט, וויסען די ריכטיגע לאַגע.

מיר האָבען גאַר ניט משער געווען, ווי טייער ארץ ישראל איז ביי אַלע אידען, אז עס האָט זיך געדוכט פיליכט וועט דאָרטען אידען עטוואָס שאַדען, האָט מען געמאַכט א מורא'דיגען ויצעקו, מען האָט אויפגערודערט די וועלט. אידען זיינען אזוי געוועהנט צו צרות, אז זיי האָט זיך געדוכט: ווי קען עס זיין אין א לאַנד עפּעס אַ גערודער אָהן פּאָגראָמען אויף אידען. זיי האָבען דאָך געזעהען, וואָס עס האָט זיך געטהאָן אין איראָפּאַ ביי די ציוויליזירטע פעלקער, היינט וואָס קען שוין דארט זיין ביי דעם טערק?

אויסער דעם האָבען דאָך געוויסע טהיילען פון אַלטען ישוב, ווי אויך די אינסטיטוציאָנען ביי אזא קריזיס גענויטיגט זיך אין אונטערשטיצונג, און אזוי ווי רעליעף גיט מען יעצט פיר גע־טריבענע, פעריאָגטע, פעריתום'טע און פון הונגער שטאַרבענדע, האָט מען מורא געהאט, אז מען וועט זיך ניט אָפּרופען אויף דער נויט פון ארץ־ישראל אויב מען וועט ניט פאָרשטעלען אז דאָרט קומט אויך פאַר עטוואָס עהנליכעס צו גרושים און פּאָגראָמען.

ווייטער האָבען אין אָנפאַנג פון דעם קריעג פיעלע לייכטזיניג פערלאָזען ארץ־ישראל, זיי האָבען אָבער געפיהלט זייער זינד און האָבען געזוכט זיך צו פערענטפערן פאַר זיך אַליין און פאַר לייטען, אז זיי האָבען כלומרשט געמוזט ראַטעווען זיך מיט'ן לעבען.

לסוף זיינען דאָך דאָ פערשיעדענע פּאָליטישע אָריענטאַציעס, און אייניגע פון זיי זיינען געבויט נאָר אויף דעם, אז דער אידישער

ישוב אין א״י שטעהט אין סכנה און אז נאָר זייער שיטה וועט מציל זיין דעם אידישען ישוב פון חורבן.

פון דער ציוניסטישער ארבייט וועגען, כדי מיר זאָלען וויסען וואו מיר האַלטען אין דער וועלט, מוזען מיר וויסען די ריכטיגע לאַגע יעצט אין א״י. דער בעסטער מיטעל דאַצו איז, נאָך מיין מיינונג, אז מיר זאָלען וויסען די הויפּט־פאַקטען וואָס זיינען דאָרט פאָרגעקומען בנוגע צו דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קריזעס. אלס איינער וואָס איז געווען אין א״י ביז אָקטאָבער 1915, און וועלכער עס האָט גענומען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין געזעלשאַפטליכען לעבען דאָרט אין אַלגעמיין און בעזונדערס אין די קריטישע מאָמענטען, וועל איך זיך בעמיהען איבערגעבען די פאַקטען כמו שהם. זאָלען די וועלכע זיינען געקומען פון א״י קאָנטראָלירען די פון מיר דערצעהלטע פאַקטען. נאַכהער וועלען מיר פּרובירען אויסגעפינען דעם היוצא מזה.

נאָך אַ פּאָר ווערטער בעפאָר איך וועל אָנפאַנגען בעשרייבען די פאַקטען. די פראַגע איז דאָ געשטעלט געוואָרען איבערהויפּט וועגען דעם נייעם ישוב אין א״י, ווייל ער פערקערפּערט די פערווירקליכונג פון דער ציוניסטישער אידעע. אָבער ביי דער שילדערונג פון די פאַקטען וועלען מיר האָבען צו טהאָן מיט דעם גאַנצען אידישען ישוב אין ארץ ישראל מחמת די פאָלגענדע טעמים. 1) אין די לעצטע יאהרען איז שטארק געוואָרען די ווירקונג פון דעם נייען ישוב אויף דעם אַלטען. פיעלע ניט נאָר פון די יונגע לייט, נאָר אויך פון דעם מיטעלען אַלטער, פערלאָזען די אַלטע לעבענס־פאָרמען און נעהמען אָן נייע פאָרמען פוו קולטורעלען און איבערהויפּט פון עקאָנאָמישען לעבען. אין דער שווערער קריזיס־צייט איז די געגענזייטיגע ווירקונג פון אלע טהיילען פון ישוב געווען אונפערמיידליך. 2) נאָך שטארקער, איז צו ערווארטען, זאל זיין די צוזאַמענווירקונג נאָך דער מלחמה: אלעס, וואָס איז אַרבייטספעהיג און ענטוויקלונגס־פעהיג צווישען די אידען אין א״י, וועט צושטעהן און איינגעשלאָסען ווערען איז קרייז פון נייעם ישוב.

אין דער צייט, וואָס דער קריזעס האָט אויסגעבראָכען, איז דאָס

פערהעלטנים פון די פערשיעדענע טהיילען פון אידישען ישוב אין א"י געוועןאונגעפעהר אין פאלגענדע מאסען:

דער אזוי־גענאנטער אלטער ישוב,—די אידען וואס נעהמען קיין אנטהייל אין דעם פראדוקטיווען לעבען, וואס בעקומען מיטעל צום לעבען פון אויסלאנד, פון דער חלוקה אין איהרע פערשיעדענע פארמען; דאס זיינען בערך 30,000 נפשות, איבערהויפט אין די שטעדט פון א"י.

דער נייער ישוב,—די פראדוקטיווע אידישע כחות: קאלאניס־טען (פארמער), ארבייטער, האנדווערקער, לעהרער, פרייע פרא־פעסיעס (דאקטוירים, אינזשינירען, אגראנאמען, א. ז. וו.), סוחרים און בעאמטע. צו דעם ישוב געהערען אויך די געטהיילטע פאמיליען, ד. ה. די פרויען און קינדער, וועלכע זיצען אי זא"י און בעקומען מיטעל צום לעבען פון די פאמיליענפאטערס פון אויסלאנד. בס"ה איז דאס בערך פופציג טויזענד נפשות, איבערהויפט אין די אידישע קאלאניען.

נאך זיינען בערך צוואנצג טויזענד נפשות אין סטאדיום פון איבערגאנג צום פראדוקטיווען לעבען; דאס זיינען קליינע סוחרים, בעלי מלאכה און מלמדים, וואס זיינען נאך מעהר אדער ווייניגער אבהענגיג פון דער חלוקה.

וואס איז גישעהען מיט די אלע טהיילען פון ישוב?

ב) דער עקאנאמישער קריזים.

באלד ווי דער אייראפעאישער קריעג האט אויסגעבראכען און די האנדעלסשיפען פון די קריעגספיהרענדע לענדער האבען אויפ־געהערט צו בעזוכען די האפענס פון סיריען און פאלעסטינא, זיינען באלד שטארק געשטיעגען די פרייזען פון די נויטיגסטע לעבענס־מיטעל, וועלכע עס פלעגען געוועהנליך געבראכט ווערען פון אויס־לאנד. דער אלטער ישוב האט דערצו באלד פערלארען כמעט אלע זיינע הכנסות; דער גרעסטער טהייל פון די מנדבים זיינען אין די מלחמה־לענדער פעראַרימט געווארען, און דאס איבערווייזען פון געלד איז פערבונדען געווארען מיט גרויסע שוועריגקייטען און מיט שטארקען קורס־פערלוסט. טויזענדער פאמיליען פון דעם ישוב זיי־

נען געבליבען אָהן מיטלען צום לעבען. אין דער זעלבער לאַגע האָבען זיך געפונען פיעלע פרויען און קינדער, וועמעס מענער אָדער עלטערן האָבען זיך געפונען אין חוץ־לארץ.

דעם נייעם ישוב האָט דיעזע לאַגע פערשאפט בעזונדערס גרויסע היזקות. פאר די בעוועסערונג פון די אָראַנזשען־גערטנער האָט מען ביז דאַן בענוצט כמעט נאָר פעטראָל־מאָטאָרען. דער פעטראָל איז אונגעהייער געשטיעגען (70 פראנק אנשטאַט 8 פראַנק אַ קאַסטען), דאס איז פאר די אידישע גערטנער א שאָדען פון מעהר אלס אמיליאָן פראנק יעהרליך. עס איז אונמעגליך געווארען דער אויספוהר פון אָראַנזשען, מאַנדלען און וויין; דאס איז וויעדער אַ שאַדען פון איבער אַ מיליאָן פראַנקען. אין דער זעלבער צייט איז אָנגעפאלען דער היישעריק און האָט פערשאַפט אַ שאָדען פון איבער דריי מיליאָן פראַנקען. ווען ניט די מלחמה, וואָלט מען געקענט בריינגען פון אויסלאַנד קאַמפּפס־מיטעל (סערום און אנדערע כעמיקאַליען) און דער היזק וואָלט געווען פיעל קלענער. ט

אז די טערקיי איז אריין אין קריעג, האָבען זיך אָנגעפאַנגען די רעקוויזיציאָנען (צוואַנג־ליעפערונג פון פוהר־מיטעל, נאַהרונגס־מיטעל און פערשיעדענע וואַארען פאר דער ארמעע אויף קרעדיט פון דער רעגיערונג צו צאָהלען נאָך דער מלחמה); דאָס האָט צוגענומען ביי אידען אין די שטעדט און קאָלאָניען אין פערלויף פון דעם ערשטען מלחמה יאהר בערך 200,000 פראַנק. נאָך הונדערט־טויזענד פראַנק בערך האָבען בעצאַהלט די, וועלכע עס האָבען זיך אויפגעקויפט פון מיליטער־דיענסט, לויט דעם טערקישען געזעץ.

ביי דיעזער לאגע האָט דער ישוב באַלד גענויטיגט זיך אין שטיצע. די, וועלכע עס זיינען ניט אין גאַנצען אָבהענגיג געוועזן פון דער „חלוקה", האָבען דאס ערשטע האַלב־יאָהר ווי עס איז דורכגעלעבט זיך, נאַכהער האבען זיי זיך אויך גענויטיגט אין שטיצע.

אין דעם נייעם ישוב האָבען זיך ארויסגעוויזען פערשיעדענע מדרגות: די קאָלאָניסטען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט אַקערבוי, האָבען ניט געברויכט און וועלען געוויס ביז'ן סוף פון דער מלחמה ניט ברויכען קיין שטיצע, אויב עס זאָל נאָר ניט טרעפען חלילה א בעזונדער אומגליק, ווי א היישעריק אָדער אַן עפידעמיע. זיי האָבען

די נייטיגסטע לעבענסמיטעל פון דער אייגענערווירטשאפט; זיי ווערען ניט אפגעריסען פון זייער ארבייט; דאס רוב פון זיי זיינען שוין לאנג אטאמאנישע בירגער און האבען זיך שוין פריהער אראנזשירט מיט דעם מליטער־דיענסט. אלס פראדוצענטען פיהלען זיי כמעט ניט דעם יקרות. זיי האבען יעצט שטארקערע אפצאהלונגען, צייטענווייז צוואנגסארבייט פאר דער ארמעע. זיי טראגען עס אבער אריבער מיט זייערע נאטירליכע, געזונטע, אייגענע קרעפטען אהן שטיצע פון דרויסען.

די פלאנצונגס־קאלאניען וואלטען ביי דעם געוועהנליכען מלחמה־קריזים ניט געברויכט הילף פון דרויסען, ווען ניט די פלאגע פון היי־שעריק, וואס האט געפאדערט זעהר פיעל קאסטען אויף צו קעמפפען געגען איהם, נאכהער אויף בעזונדערס גוטע בעארבייטונג פון די פלאנצונגען; דערצו איז נאך פערלארען געגאנגען דער איינטראג פון די פרוכטען פון היי־יאהר און א טהייל אויך פון נעכסטען יאהר. נאך דעם אלעמען האבען די קאלאניען אין קיין פאל ניט געברויכט קיין נדבות; מיט זייער שטוב־הוצאה האבען זיי געקענט דורכקומען דורך אייגענע מיטעל און מיט דער הילף פון קליינעם ערטליכען קרעדיט אלס פעסטע בעלי בתים, וואס האבען פון זייערע פלאנצונגען אין געוועהנליכע יאהרען פיעל גרעסערען איינקונפט אלס זייער יעהרליכעם געברויך. עס האבען געפעהלט די גרויסע סומען, וואס מען געברויכט אויף צו בעארבייטען די פלאנצונגען; דאס פאדערט מינדעסטענס הונדערט טויזענד דאלער יעהרליך. דאצו האט מען געברויכט א הלואה אויף קליינע צינזען אויף אייניגע יאהר אויסצאהלען. די הלואה איז אבסאלוט געשעפטסמעסיג, ווייל זי האט געקענט פאלקאם געזיכערט ווערען דורך היפאטעק (משכנתא) פון פעסטען פערמעגען מיט דער גאראנטי פון זיכערע יעהרליכע הכנסות פון די פלאנצונגען.

די אידישע ארבייטער האבען באלד דערפיהלט דעם קריזיס. די אקערבוי־קאלאניסטען האבען זיך אליין שטארקער גענומען צו דער ארבייט און האבען מעגליכסט פערקלענערט די אויסגאבען אויף געדונגענע ארבייט. עס וואלט אבער געוועזען גענוג ארבייט ביי די פלאנצונגען, (איבערהויפט בעת דער היישעריק־פלאג) ניט נאר

פאר די שטענדיגע ארבייטער, נאָר אויך פאר פיעלע בעלי מלאכות, וואָס האָבען דורך דעם קריזיס ניט געפונען קיין בעשעפטיגונג אין זייער ספּעציאַליטעט און האָבען זיך דעריבער גענומען צו פעלד־ארבייט. פיעל ארבייטער און בעלי־מלאכות האָט מען געקענט בע־שעפטיגען אין עבודות צבוריות (גזעלשאַפטליכע ארבייט) פון געביידים, באדען ניוועלירונג, קאַנאַליזאַציאָן און שטראַסענבוי. אויף די פּראָדוקטיווע אַרבייטס־מעגליכקייטען האָט מען ווייעדער געברויכט ניט נדבות, נאָר אַ הלואה פון אייניגע טויזענד דאָלאר מאָנאַטליך. אַזאַ הלואה האָט געקענט זעהר פעסט געזיכערט זיין דורך דעם משכנתא (היפּאָטעקע) פון די געביידעס און לענדערייען, ביי וועלכע די ארבייט איז אויסגעפיהרט געוואָרען, און וואָלט גע־שאַפען פאר פיעלע הונדערטער מענשען פּראָדוקטיווע אַרבייט און פערדיענטען ברויט.

פון די סוחרים, וואָס האָבען זיך קאָנצענטרירט ארום דעם נייעם ישוב, זיינען נאָר אַ געוויסע צאָהל פון קליינע קרעמער צובראָכען געוואָרען דורך דעם קריזיס, די מיטעלע און די גרעסערע האָבען זיך געפיהלט גענוג פעסט און ווידערשטאַנדספעהיג.

די פרויען און די קינדער, וואָס זייערע ברויט־געבער זיינען אין אויסלאַנד, האָבען זיך אויך גענויטיגט נאָר אין הלוואות. די מענער און די עלטערן וועלען געווים בעצאָהלען פאר אלע הוצאות. דערווייל אָבער האָט מען געברויכט אויסלייהען צום לעבען. אין דער העברע־אישער גמנסיה אליין האָבען זיך געצייגט 150 אַזעלכע שילער, און נאָך ביז הונדערט אויסלענדישע שילער זיינען געווען אין די אַנדערע שולען אין א״י.

אין שטיצע האָבען זיך גענויטיגט די שולען זעלבסט. דער בודזשעט פון די העברעאישע פאָלקס־ און מיטעל־שולען אין א״י גרייכט ביז אַכציג טויזענד דאָלער יעהרליך, און ניין צעהנטעל דערפון פלעגט שטענדיג קומען פון אויסלאַנד.

אזוי האָט זיך בעגעגענט דער אידישער ישוב אין א״י פנים אל פנים מיט דעם עקאָנאָמישען קריזיס.

ג) די זעלבסטהילפע.

ווען די מלחמה האט אויסגעבראכען האבען מיר אין א״י גע־דענקט אז זי וועט ניט לאנג געדויערען, דאך האבען מיר זיך פאר־בערייטעט צו בעגעגנען דעם קריזיס מיט ארגאניזירטע כחות. אי־בערהויפט איז געווען די ארגאניזאציאן שטארק און פלאנמעסיג אין דעם צענטרום פון דעם נייעם ישוב אין יפו. דורך די פעראיי־ניגטע כחות פון אלע טהיילען און קלאסען פון פאלק, פון אלע ארגא־ניזאציאנען און אינסטיטוציאנען, איז באלד געגרינדעט געווארען א „ועד להקלת המשבר״ (קאמיטע צו פערלייכטערען דעם קריזיס) מיט בעזונדערע אבטהיילונגען פון : „ועד הכספים״ (פינאנץ קא־מיטע), ועד הלחם (ברויט קאמיטע), ועד החנויות (געוועלב קא־מיטע), ועד המלוה (קרעדיט קאמיטע), ועד לעבודות צבוריות (אר־בייטס מעגליכקייט קאמיטע) און ערשט צו לעצט ועד המחלק (רע־ליעף אדער צדקה קאמיטע).

די ערשטע ארבייט פון ועד הכספים איז געווען צו פערלייכ־טערען די שווערע לאגע, וואס עס איז בעשאפען געווארען דורך דעם מאנגעל פון גאלד מטבעות און פון קליינע מטבעות, וועלכע זיינען באלד ווי פערשוואונדען געווארען פון געלד מארקעט. דער ועד האט דאן אראנזשירט מיט דער אידישער באנק, זי זאל ארויסלאזען פאר איהרע קרעדיטארען טשעקס פון 100, 50, 20, 10 און 5 פראנק שטיק; דערצו האט מען ארויסגעלאזען קליינע געלד צייכען (פראנק, בשליק און מעטאליק) גאראנטירט און קאנטראלירט פון ועד תל־אביב. דיעזע געלד צייכען, איבערהויפט די באנק טשעקס, האבען גערעטעט ניט נור די אידען, נור אויך די איבעריגע בעפעלקערונג אין יפו, ירושלים און זייער אומגעגענד פון פאניק און פון ספעקולא־ציאן, וועלכע עס ווערט אומעטום אין מלחמה צייט, און פון וואס גרויסע רעגיערונגען קענען זיך אפטמאל ניט גאראנטירען.

ווייטער איז געווען די אויפגאבע פון ועד הכספים צו שאפען פינאנציעלע מיטעל פיר דער ארבייט פון די איבעריגע סעקציא־נען. די ערשטע מיטעל פון איינגע צעהנדליג טויזענד פראנק איז בעשאפען געווארען אין לאנד; די אידישע באנק האט געגעבען

בהלואה דאָרט וואו די סומען זיינען געווען גענוג געזיכערט, און אויף נדבות און צווייפעלהאַפטע הלוואות האָט מען צוזאַמענגענומען פון דער בעפעלקערונג; די זעלבסט בעשטייערונגען זיינען גאַנץ הויכע, אזוי דאס אין דער ערשטער צייט האָט מען אין יפו געזאַמעלט מעהר ווי צעהן טויזענד פראַנק. מען האָט אָבער שוין פון אָנפאַנג ארויסגעזעהן, דאס די אייגענע מיטעל וועלען וואס ווייטער שוואכער ווערען און די נויט וועט גרעסער ווערען. אלזא, האָט מען זיך גע־ווענדעט אין אויסלאַנד, און אויף דעם רוף פון דעם יפו׳ער ועד הכספים איז געקומען די גרויסע הילפע דורך דעם אַמבּאַסאדאָר מאָרגענטוי און דורך דעם ציוניסטישען פּראָוויזשיאָנאַל קאָמיטע פון אַמעריקאַ.

די ועד הלחם והחנויות האָבען רעגולירט די מקחים פון ברויט און צייטענווייז אויך די פּרייזען פון אַנדערע נויטיגסטע עסענ־ווארג. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, דאס פּאַלעסטינאַ האָט גענוג ברויט פאר דער גאנצער בעפעלקערונג, מען האָט אָבער געמוזט פער־היטען פון ספּעקולאַציאָן, פון קינסטליך געהעכערטע פּרייזען. דאָ האט זיך ארויסגעוויזען די וויכטיגקייט פון אן אייגענער שטיקעל לאַנד. דורך דעם ברויט פון אונזערע אקערבוי קאָלאָניען און איבער־הויפּט פון די פאַרמערס פון דעם אידישען נאַציאָנאַל פאָנד האָבען מיר געקענט שטענדיג רעגולירען די פּרייזען. דער קאָמיטעט האט שטענדיג געהאט פארבערייט א געוויסען קוואַנטום מעהל, געבאַקט ברויט און עס פערקויפט אין אייגענע קלייטען, און דאָס האָט שוין געווירקט אויף די מארקעט פּרייזען. אין פערלויף פון די ערשטע זעקס מאָנאַטען האָט מען אין די קלייטען אויך פערקויפט אויף מעסיגע פּרייזען צוקער, קעראָסין, קוילען, און זאָ ווייטער. ביז די ערשטע צוויי פּראָדוקטען האָבען זיך געענדיגט אין לאַנד און די איבעריגע עטליכע פּראָדוקטען זיינען אין אַלגעמיין ביליגער געוואָ־רען, נאָכדעם ווי דער ערשטער טומעל איז אריבער.

דער ועד המלוה האָט מיט דער הילפע פון דער באַנק, פון די ציוניסטישע אינסטיטוציאָנען און פון דעם אַמעריקאַנער רעליעף, געגעבען קליינע הלוואות אויף דער זיכערונג פון משכנות און מיט קליינע צינזען. דער מאקסימום פון א הלואה פאר א פאַמיליע איז

צום אנפאנג געווען 40 פּר. אַ מאָנאַט און נאָכהער איז עס קלענער געוואָרען ביז 15 פּר. אַ מאָנאַט, נור אויף אַ שטיקעל ברויט. מיט אזעלכע הלוואות האָבען זיך בענוצט לייטע, וואָס פלעגען פריהער פערדיענען אָדער בעקומען פון זייערע פאמיליענפאטערס פון אויס־לאַנד הונדערטער פראַנקען מאָנאַטליך. מיט שמחה האָבען זיי זיך בעגניגט מיט אַ שטיקעל ברויט, פאַר אַ שטיקעל גאָלד אָדער זילבער וואָס זיי האָבען פער׳משכנ׳ט, אַבי ניט אָנצוקומען צו נדבות.

בעזונדערס אינטערעסאַנט איז די אַרבייט פון ועד לעבודות צבוריות (פריהער נאָר אין יפו און נאָכהער טהיילווייז אויך אין ירושלים). אַלע אַרבייטס־מעגליכקייטען האָבען בעקומען אַ געזעל־שאַפטליכען כאַראַקטער. דורך געשאַפענעם קרעדיט (וויעדער די באַנק און אַמעריקאַ פאָנד) און דורך מאָראַלישען דרוק, האָט מען אויסגעווירקט אויף פריוואַט פערזאָנען און אינסטיטוציאָנען זיי זאָלען אויספיהרען אַרבייטען, געביידעס, ניוועלירונג, קאַנאַליזאַ־ציאָן, שטראַסען, א. ז. וו. וואָס זיי וואָלטען זאָנסט אָבגעלייגט אויף נאָך דעם קריזיס. אום די אַרבייט זאָל זיין ריכטיג פערטהיילט און אום די אַרבייטסגעבער זאָלען ניט אויסנוצען די אַרבייטער נויט, האָט מען כמעט אין גאַנצען אָפּגענומען ביי דעם אַרבייטגעבער דאָס רעכט צו קלייבען פאַר זיך דעם אַרבייטער און בעשטימען מיט איהם די פּרייזען. אַ ספּעציעלע קאָמיטע—ועד המאוחד לפּועלים ובעלי מלאכה—האָט בעשטימט ווער עס זאָל צו דיעזער צייט אויס־פיהרען די אָדער יענע אַרבייט: אין דער ערשטער רייהע זיינען געשטאַנען פאַמיליען מענשען, און לויט דעם צאָהל פון זייערע נפשות האָבען זיי בעקומען מעהר אָדער וועניגער טעג אין דער וואָך אַרבייט, נאָכהער ערשט זיינען געקומען די סינגעל לייטע. די נאָרמאַלע פּרייז פון דער אַרבייט איז געווען פעסטגעשטעלט, דערפון האָט דער אַר־בייטער יעצט בעקומען נאָר דאָס מינימום צום לעבען, דאָס איבעריגע איז פאַר איהם געבוכט געוואָרען און דורך זיכערע דאָקומענטען גאַראַנטירט געוואָרען ער זאָל עס קענען בע־קומען אין פערלויף פון אַ יאָהר נאָך דער מלחמה. זעלבסטפערשטענד־ליך האָט דער קאָמיטעט גענומען אויף זיך די אויפזיכט און די פער־אַנטוואָרטליכקייט דאַפיר, דאָס די אַרבייט זאָל אויסגעפיהרט ווע־

רען אין פולער אָרדנונג. מיטגליעדער פון דיעזען קאָמיטעט האָבען אויך אָרגאַנזשירט אַן אונטערנעהמונג פאר גרופּעס ביי דער אייזענבאַהן.

וואָס אנבעלאַנגט די האנדוועקער האָבען זיך אויסגעצייכענט די זעלבסטהילף מיטעל פון מרכז בעלי המלאכה (האנדוועקער אָרגאניזאציאָן), וואָס בעשטעהט פון מעהר ווי 200 פאמיליען אין יפו. דיעזע אָרגאַניזאציאָן האָט כמעט קאָמוניזירט דעם פּריוואַט פערמעגען פון אַלע איהרע חברים: אָבשפּאָרונגען אין בּיינק, משכנתא פון הייזער או בּויפּלעצער, פּערזענליכע קרעדיט פעהיגקייטען, אַלעס איז איבערגעגעבען געווארען פון יעדען חבר אין דעם רשות פון צענטראַלקאָמיטעט, וועלכער עס האָט דאָס אַלעס בענוצט, האָט אויף דעם בעקומען קרעדיט, געקויפט נאהרונגס־פּראָדוקטען און פערקויפט יעדען חבר אויף בּאָרג אויף א בעזונדער קאנטע, וועלכע עס וועט פּינקטליך רעגולירט ווערען נאָך דער מלחמה. דיעזע אָרגאַניזאציאָן האט אויך אונטערגענומען דעם בּוי פון אייזענבּאהן בּריקען אין דער מלחמה צייט. דער רעזולטאַט פון אַזא אַרבּייט איז געווען אַז 15 מאָנאַט נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען האָט נאָך קיין איין מיטגליעד פון דיעזער אָרגאַניזאציאָן ניט געגויטיגט זיך אין נדבות, הגם פיעלע פון זיי האָבען שוין לאַנג קיין אַרבּייט געהאַט.

נאָך אַלע אנשטרענגונגען צו פערקלענערען און פערלייכטערען דעם קריזיס זיינען אַ טהייל איינוואָהנער דאָך צוזאַמענגעבּראָכען געוואָרען און האָבען ניט געקענט אויסנוצען קיין פאָרם פון זיכערן קרעדיט. פאר אַזעלכע האָט שוין געאַרבּייט דער ועד המחלק (צדקה קאָמיטע). ער איז בעשטאַנען פון בעזונדערע סעקציאָנען פיר אשכנזים, ספרדים און תימנים, וועלכע עס זיינען אונטערשיעדען אין זייערע לעבענס ארטען און ברויכען דעריבער פערשיעדענע הילפס מיטאָדען. די אַרבּייטער און בעל מלאכות האָבען געהאַט א בעזונדער אַבּטהיילונג צו העלפען זייערע געפאַלענע דברים לויט זייערע פּאַסענדע בעדינגונגען.

אין קלענערען מאסשטאַב, נאָך אויך מיט פיעל ענערגיע, איז אָרגאַניזירט געווען די זעלבּסט הילף אין די אַנדערע שטעדט אין

א״י אויך בעפאר עס איז געקומען די הילף פון אמעריקא. אין ירושלים איז צו בעצייכענען די ביליגע פאלקס קיכען און די ארי־גינעלע הילפע פאר די ישיבות: בעלי בתים פון יפו, ירושלים און די קאלאניען, האבען אויף זיך מקבל געווען צו צאהלען מאנאטליך די קאסטען פון א גאנצען אדער פון א האלבען מלמד, אבי די ישיבות זאלען זיך ניט צו מאכען. די ירושלים'ער בעלי בתים האבען מיט אייגענע מיטעל פיעל מיטגעהאלפען מיט עסען און מיט קליי־דער די הונדערטער אידען וואס האבען ערפילט זייער מיליטער־דיענסט ביי די שטראסען ארבייטען און ביי די אייזענבאהן־בוי. אם ענדע זיינען אין ירושלים אויך ארגאניזירט געווארען ארבייטס־מעגליכקייטען מיט דער הילפע פון דעם אמעריקאנער רעליעף פאנד.

שטארק, געזונד און אבסאלוט אהן נדבות איז געווען די ארגאני־זאציאן פון זעלבסט הילף אין די אידישע קאלאניען, איבערהויפט צווישען די ארבייטער גרופען. ביי די ארבייטער איז אין דיעזער צייט געשאפען געווארען א הסתדרות כללית פון אלע פארטייען. די אויפגאבע פון דיעזער הסתדרות איז געווען: פערשאפען ארבייט, רעגולירען די פרייזען, פארברייטען פראדוקטען א. ז. וו. אין אייניגע קאלאניען זיינען געגרינדעט געווארען פעראייניגטע קאמיטעטען פון פועלים און קאלאניסטען. ביי דיעזער שטארקער פעראייניגונג און ארגאניזאציאן האט מען געקענט זיין זיכער, אז יעדער פרוטה וואס וועט אהין אריין קומען בתורת הלואה וועט זיין פאלקאם גא־ראנטירט און וועט אויסגענוצט ווערען אויף'ן בעסטען אופן.

די גאנצע הילפס־ארבייט וועלכע איז דא געשילדערט געווארען איז פילייכט ניט אזוי וויכטיג בכמות (קוואנטיטאטיוו) ווי באיכות (קוואליטאטיוו). עס ווייזט אויף דער שטאנדהאפטער עקזיסטענץ און אויף דער ארגאניזאציאנס־פעהיגקייט פון דעם נייעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל, וועלכער האט קיין אנדער צוואנגס־קראפט אויסער דעם מאראלישען טריעב און דאס בעוואוסטזיין פון דער פעראנטווארטליכקייט געגען דעם אידישען לאנד און דער אידישער נאציאן.

דא איז אויך דער פלאטץ צו פערצייכנען, דאס אין דעם קריטישען

מאָמענט האָט זיך בעזונדערס ארויסגעוויזען דער ערך פון אַן אייגענער אידישער (ציוניסטישע) באַנק, וועלכע האָט געדעטעט דעם אידישען ישוב אין א״י פון א צוזאמענברוך. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זעהען שוין אין אנפאַנג פון דער מלחמה אין ירושלים, ווי די פרומע אידען, וואָס האָבען פריהער גערעכענט פאַר א מצוה צו האַלטען זייערע אפּגעשפּאַרטע גראָשענס דוקא נישט אין דער אידישעד באַנק, זיינען יעצט געשטאַנען שטונדען לאַנג אויף דער גאַס, אונטער דער ברענענדע שטראַהלען פון תקופת תמוז זון, ביי די געשלאָסענע טהירען פון דער דייטשער באַנק און פון קרעדיט ליאָנה, ביז מען האָט זיי מודיע געווען, אַז אין דער צייט פון מאַראַטאָריום וועט מען זיי גאָר ניט צאָהלען אָדער נור געבען אייניגע גראָשענס; און אין דער זעלבער צייט איז די אידישע באַנק געווען געאָפען, האָט זיך מיט יעדערן אראנזשירט, האָט די ערשטע צייטען געצאַהלט גאַנץ היפּשע סומען, און זאגאר נאַכהער, אפילו נאָך דעם וואָס מען האָט זי אָפיציעל געשלאָסען, האָט זי, ווי מען זאָגט, פון אונטער דער ערד ערדייכט מיטעל צו העלפען מיט וויפיעל עס איז איהרע קרעדיטאָרען. מיר האָבען געזעהן, אַז אָהן די קרעדיטען פון דער באַנק וואָלט דער ועד הכספים ניט געקענט רעגולירען די פרייזען פון לעבענס מיטעל, דער ועד המלוה און אין א געוויסען זין אויך דער ועד לעבודות צבוריות וואָלטען ניט געקענט עקזיסטירען. בעזונדערס וואָלט זיין כמעט אונמעגליך די מלחמה מיט דעם היישעריק, ווען ניט די קרעדיטען פון אונזער באַנק. אפילו די קרעדיטען פאַר די, וועלכע האבען געמוזט אדער גלאט געוואלט אוועקפאהרען פון א״י און מען האָט ניט געוואָלט און ניט געקענט מיטגעבען זיי געלד אויפ׳ן וועג, האָבען זי אין עגיפּטען בעקומען געלד פון אונזער באַנק און האָבען געהאָט מיט וואָס צו דער קלייבען זיך צו זייערע פאַמיליען.

פאַר איהר פּינקטליכקייט און איבערגעבענהייט האַט, ניט נאָר די אידשע, גאָר אויך די גוי׳אישע בעפעלקערונג געצאַהלט דער באַנק מיט דער בעסטער מטבע—מיט פערטרויען. געגען די טשעקס פון באַנק האָט מען אין קריעגסצייט געצאָהלט אכציג און אָפּטמאָל אויך מיט נײַנציג פּראָצענט אין גאָלד; אזא קורס האָבען ניט אלע

גרויסע רעגיערונגען אויפבעוואַרט אין די מלחמה לענדער. ווען די טערקישע רעגיערונג האָט געשלאָסען די באַנק (אלס ענגלישע אינ־סטיטוציאָן און איבערהויפּט פאַר דער עבֿרה וואָס זי האָט ארויסגע־לאָזען איהרע טשעקס אלס באַנקנאָטען אָהן בעזונדערע ערלויבנים) און האָט געפאָדערט דאָס אַלע קרעדיטאָרען זאָלען זיך מעלדען אום צו ליקווידירען זייערע רעכענונגען מיט דער באַנק, האָט זיך קיינער ניט געמעלדעט. פון אַלע רייכע אַראַבער, וועלכע האָבען טשעקס פון באַנק אויף צעהנטויזענדער פראַנקען, האָט נאָר איינער געבראַכט א טשעק פון 10 פראַנק; די בעאַמטע האָבען אין דעם געזעהן א איראָניע, זיי האָבען דעם טשעק צוריסען און דעם אַראַבער גע־שימפּפט דאַפיר, וואָס ער האָט צו דער אידישער געשלאָסענער באַנק מעהר פערטרויען ווי צו דער רעגיערונג. דער פאַקט איז, אַלזאָ, אז די אידישע באַנק איז אין דער עפענטליכער מיינונג ניט געשלאָסען. מיט די קליינע צאָהלונגען, וועלכע זי מאַכט פון צייט צו צייט צו די וואָס נויטיגען זיך אם מעהרסטען, וועט זי אויפהאַלטען איהר קרעדיט ביז נאָך דעם קריזיס. דאַן רעכנען איהרע דעפּיטאָרען, די קאָלאָניסטען און סוחרים, פאַר א הייליגער פליכט, און זיי זיינען עס אים שטאַנדע, אפּצוצאָהלען זייערע חובות ביז דער לעצטער פּרוטה, געוועהליך מיט א געוויסער צייטפערלענגערונג; די קרעדיטאָרען פון דער באַנק וועלען זי ניט צופיעל נוגש זיין, און וויפיעל מען וועט מוזען צאָהלען וועט געווים איהר מוטער באַנק אין לאָנדאָן אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן פערשאַפען צו דעם נויטיגען מאָמענט.

מיט א בעזונדערע קראַפט האָט זיך ארויסגעוויזען די אָרגאַניזאַ־ציאָנספעהיגקייט און די אַקטיוויטעט פון דער אידישער בעפעלקע־רונג אין ארץ ישראל בשעת דער „מלחמה מיט דעם היישעריק.“ נישט נאָר ביי די בעלי בתים פון די זריעות אָדער פון די פלאַנצונ־גען, נאָר אויך ביי פיעלע טויזענדער אנדערע אידען האָט מען בע־מערקט די טרייסטע איבערגעבענהייט צו יעדער בוימעלע, צו יעדער גרעזעלע, וואָס וואַקסט אין לאַנד. מענשען האָבען ניט געגעסען, ניט געשלאָפען און געקעמפפט, געטריבען, בעגראָבען, פערברענט דעם „שונא“, די אונגעהייערע מחנות פון די קליינע מזיקים. די שולעס אין די שטעדט זיינען געווען געשלאָסען גאַנצע וואָכען, ווייל די

לעהרער מיט די שילער זיינען אוועק אין די קאָלאָניען קעמפפען גע־
גען היישעריק. הונדערטע אלטע לייט און קליינע קינדער פון די
שטעדט זיינען געלאָפען מציל זיין דאָס אידישע גוטס אין די קאָלאָ־
ניען. מיט יעדע בוימעלע און יעדער געוואוקס האָט מען מיטגע־
פיהלט ווי מיט א נאָהענטען קרוב, וואָס זיין לעבען שטעהט בסכנה
און מען מוז איהם מציל זיין. אזוי וואקסט צו א פאָלק
צו זיין לאנד. עס ווערען ענטדעקט אין איהם
נייע, פריהער אונבעמערקטע פעהיגקייטען
און קרעפטע, ווען ער פאנגט אָן צו לעבען
אן אייגענעם לעבען, ווען ער הויבט זיך אָן
צו פיהלען ביי זיך אין דער היים.

ד) דער אמעריקאנער רעליעף.

ביי יעדער הילפע, וואָס איינער לייסטעט, איז ניט אזוי וויכטיג
די גרויס פון דער הילפע, ווי די צייט און וועלכער די
הילף קומט און דער אופן, אויף וועלכען זי ווערט געגעבען.
אין תלמוד איז וועגען דעם דאָ זעהר א גוטער שפריכוואָרט וועגען
כבוד אב: יש מאכילו תורים ובני יונה ויורש גיהנם ויש מטחינו
בריחים ונוחל גן עדן. עס ווערט דאָרט געבראכט צוויי זעהר גוטע
ביישפיעלע: ווי איין זעהן פלעגט דעם אלטען פאָטער זיינעם געבען
יעדען טאג געבראָטענע טייבעלעך, דאָך אויף אזא אופן, אז יענער
פלעגט זיך דאמיט ווארגען, און דאפיר האָט טאַקי דער זוהן געהאָט
גהינם.. דער צווייטער זוהן האָט דעם פאָטער געשטעלט ביי שווערע
ארבייט אום צו רעטען איהם פון אן ערגערע צרה, וועלכע דער זוהן
האָט אויף זיך זעלבסט איבערגענומען, און דערפאר האָט ער טאַקי
פעררדיענט גן עדן. די הילפע, דער רעליעף, וועלכע
אונזערע אמעריקאנער ברידער האָבען געגע־
בען א״י אין דער קריעגס־צייט איז געקומען
אין דער רעכטער צייט און געגעבען געוואָ־
רען אויף דעם בעסטען אופן.

עס איז עראינערט געוואָרען, אז מען האָט זיך געווענדעט פון א״י
נאָך הילפע צו די אידען אין אלע לענדער. אייגענטליך אין די מלחמה

לענדער זיינען דאָך אויך געווען פּיעלע טויזענדער אידען, וואָס האָבען דאַן בתחלת המלחמה נאָך בערך וויינינ געליטען. טערקיי איז נאָך דאַמאָלס געווען נייטראַל און מען האָט געקענט שיקען אהין הילפע. דער ערשטער אנשטענדיגער אַנטוואָרט איז געקומען פון אַמ־באסאַדאר מאָרגענטוי וועגען א סומע פון 50,000 דאָלאר. אין גיכען איז אָנגעקומען א טעלעגראַפישע ידיעה וועגען דער גרינדונג פון'ם ציוניסטישען פּראָוויזשאָנעל קאָמיטע. פון אַלע איבּריגע לענדער זיינען אין אנפאַנג אָנגעקומען זעהר קליינע סומען, נאָכהער האָבען אפילו די נייטראַלע לענדער אויפגעהערט צו שיקען וועלכע עס איז הילפע, אַלע האָבען זיך ווי עס שיינט, פערלאָזען אויף אַמעריקאַ, וועלכע עס האָט ניט אויפגעהערט איין מאָמענט זארגען וועגען די אידען אין א"י.

דער אופן פון דער אמעריקאַנער הילפע האָט זיך אויך באַלד ארויסגעצייגט, פון אנפאַנג איז נאָך געווען צו בּעמערקען עטוואס פון דעם בעוואוסטען פילאַנטראָפּישען פּרינציפּ, ווער עס גיט די מאה יענער זאָגט די דעה, און א טהייל פון די מנדבים האָבען זייער דעה איבערגעגעבען דעם בעוואוסטען אפרים כהן, וועלכער האָט געפּרובּט אויסנוצען דעם צופאַל אויף פאַר פּאַרטיי צוועקען. מיט א ביטערען געפיעל האָט מען געמוזט צושטימען. מען האָט קיין רעכט געהאַט צו ריזיקירען מיט די אינטערעסען פון די נויטבּעדערפטיגע. נאָר דער געזונטער אינסטינקט פון די אַמעריקאַנער גוטע אידען האָט באַלד גענומען די איבערמאַכט. זייער פאָרשטעהער, וואָס האָט בּע־זוכט א"י, האָט זיי, ווי עס שיינט, איבערגעגעבען די ריכטיגע לאַגע. און זיי האָבען דעם פעהלער פעררעכט. מען האָט איבערגעגעבען די רעליעף ארבּייט אין א"י אין די הענד פון די איבערגעבענסטע צו די פאָלקס אינטערעסען. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דער פּרינ־ציפּ, אז צדקה זאָל געגעבען ווערען נור אין נויטיגסטען פאַל; עס זאָל מעגליכסט געלייסטעט ווערען אין דער פאָרם פון פערזיכערטע הלוואות, ארבּייטס־מעגליכקייטען און פערבּיליגונגען פון פּרייזען פאַר די נויטיגסטע לעבענס פּראָדוקטען.

דער פאַקט אליין, אז די אַמעריקאַנער אידען אינטערעסירען זיך וועגען דעם אידישען ישוב, אז דער אַמעריקאַנישער אַמבּאַסאַדאר

איז דער הויפּט פּערמיטלער פון דיעזער הילפע, אז די הילפע איז ניט נאָר אַ מאַטעריעלע נאָר אויך אַ מאָראַלישע, דאָס האָט געשאַפען אַ בעזונדערע שטימונג אין דעם אידישען ישוב. מען האָט געפיהלט אַז מען איז ניט אָבגעריסען פון דער אידישער וועלט. דאָס האָט אויך אויפגעהויבען דעם ערך פון אידישען ישוב אין די אויגען פון אַלע שכנים. דער טאָג ווען עס פלעגט אָנקומען די אמעריקאַנער שיף איז געווען אַ שטיקעל יום טוב ביי אידען. מען האָט געוואוסט, אַז אין דעם ליעגט קיין פּאָליטישער צוועק, עס איז נאָר אַביסעל געלד אָנגעקומען. נאָר ערשטענס איז טאַקע פאַר געלד קריגט מען ברויט און מען קריגט ארבייט, און צווייטענס איז עס דאָך אַ כבוד: וואו זיינען עס אידען געוועהנט געווארען, אז נור און אויסשליסליך פון זייערט וועגען זאָל אַ רעגירונג מטריח זיין איהרע העכערע בעאַמטע? די בעאַמטע און מאַטראָזען פון די קריעגשיפען האָבען זיך אין גאָר ניט ארייגעמישט, דאָך האָט זייער אָנוועזענהייט אָן און פיר זיך געהייסען, אַז מען דאַרף האָבען דרך ארץ.

היינט אַז עס איז געווארען אַבסאָלוטע בלאָקאַדע און מען האָט געקענט אוועקפאָהרען פון א״י נור מיט די אמעריקאַנער שיפען, מיט וואָס פאַר אַן אַדעל, פריינדשאַפט און מענשליכקייט האָט מען בעהאַנדעלט אַלע פּאַסאַזשירען! ניט נור גראַטיס רייזע, ניט נור געזאָרגט פיר פּלאַץ און רוהע, נור אויך פערגניגען און מוזיק. דאָס איז געווען, געוועהנליך, גלייך פיר די פּאַסאַזשירען פון אַלע נאַציאָ־נען. אידען זיינען אָבער געווען די גרעסטע טהייל און זיי פיהלען דאָך מעהר יעדער התקרבות, יעדער מענשליכע בעהאַנדלונג. מיר ארץ ישראל אידען, זיינען אָפּטמאָל ברוגז געווען, מיר האָבען געזאָגט, אז אזא בעהאַנדלונג פון די אמעריקאַנישע שיפען ווירקען עס זאָלען אוועקפאַהרען פון א״י אזעלכע וואָס עס האָבען ניט געדאַרפט פאָה־רען. זעלבסטפערשטענדליך, די מאַנשאַפט פון די אַמעריקאַנער שיפען האָבען זיך ניט געקענט בעשעפטיגען מיט אזעלכע אויסוואַהלען. זיי זיינען זיך בעגאַנגען ווי אַמעריקאַנער, ווי מענשען.

זעהר אַ גרויסען איינדרוק האָט געמאַכט די אמעריקאַנער שיף וואָס האָט געבראַכט לעבענסמיטעל אין א״י. דאָס איז געווען אַ

צייכען פון בעזונדער אויפמערקזאמקייט, א ענטשפרעכענדער, מערקזאמער, מענשליכער שריט. זעלבסטפערשטענדליך האט אזא זאך אין אזא צייט ניט געקענט געטהאן ווערען צו גונסטען פון א גרופע איינוואהנער, עס האט נאטירליך געמוזט געטיילט ווערען צווישען אלע, ווען זאגאר די געשיקטע סחורה איז גענומען געווארען נאר ביי אידען. אבער וויכטיג איז געווען דער פאקט, וואס אלע האבען געפיהלט, אז דאס געניסען זיי דעם זכות פון די אידען, דאס האט צוגעגעבען די אידען א פאליטישע געוויכט.

היינט ווי גרויס איז געווען אין א״י די וויכטיגקייט פון די אמעריקאנער הלואות. נאך דעם היישעריק, נאך דעם ווי יעדער קאלאניסט האט אוועק געגעבען די לעצטע פרוטה אום צו ראטעווען זיינע לאנגיעהריגע מיהע, זיינע פלאנצונגען. פיעלע פון זיי האבען פער׳משכנ׳ט, פערקויפט איבעריגע כלים, בהמות, זיי זיינען געבליבען הויל, נאקעט, פונקט ווי די בוימער וואס דער היישעריק האט פון זיי אראפגעריסען די בלעטער מיט דער גרינער הויט. מיט וואס וועט מען יעצט, ווינטער ארבייטען, אקערען, בעוועסערען (און א קיסטע פעטראל איז דאך יעצט ניט 8 נור 80 פר.) און אז מען וועט ניט ארבייטען וועלען דאך פערטריקענט ווערען ניט די בוימער אליין, נאר אויך די מענשען, וואס האבען ניט ביי וואס צו ארבייטען און פערדיענען א שטיקעל ברויט.

דא קומט ווידער די אמעריקאנער הלואה, ווי א מלאך מושיע. מען גיט נור א הלואה 40 טויזענד דאללאר אונטער זעהר א זיכערער גאראנטי און מען טרעט צו צו דער ארבייט. מען קען האבען ארבייט, ברויט, און פון די בוימער הויבט אן צו שפראצען האפנונג, צווייגליך, גרינע בלעטער. די וואס האבען אן אנטייל גענומען אין דער הלואה האבען זיך פילייכט אליין ניט פארגעשטעלט וואס פאר א גוטע זאך זיי טהוען. די וואס האבען געמאכט די הלואה זיינען ניט אלע ציוניסטען, זיי וועלען אבער שטענדיג קענען שטאלץ זיין געגען די ציוניסטען דאמיט וואס, ווען ניט זיי, וואלט זעהר א גרויסער טהייל פון דער ציוניסטישער ארבייט געהן צו גרונדע. די זעלבע זאך איז אויך מיט דער צווייטער הלואה. ווען די מלחמה האט זיך פערצויגען און

מען האָט דעם צווייטען יאהר אויך ניט געקענט ארויספיהרען די פּראָדוקטען אויף דעם וועלט מאַרק, גיבען די אמעריקאַנער אידען ווידער א הלואה פון 60 טויזענד דאָללאַר, און די עקזיסטענץ פון א גרויסער טייל פּלאַנצונגען איז ווידער פערזיכערט. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען, ווי וועלען קענען עקזיסטירען די פּלאַנצונגען ביי די קאָלאָניסטען, וועלכע עס האָבען ניט בעקומען פון דער הלואה? עס איז מעגליך, אז א געוויסע טהייל פון די פּלאנצונגען ווערען ניט בעארבייט. זייווערען געשעדיגט, און דאצו פערבלייבען טאַקע הונ־דערטער ארבייטספעהיגע אידען אָהן ארבייט און אָהן ברויט. נאָר אין דעם זיינען שוין ניט שולדיג די אמעריקאַנער אידען, זיי וואָלטען געהאָלפען פיר אלעם. די הלואות וואָלטען געוועזן געקענט זיין פיעל גרעסער, ווען די זאך וואָלט געווען ענערגישער און בעסער אָרגאנ־זשירט; והראיה, מען האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אז די שולען זאָלען ניט זיין געשלאָסען, ווערען זיי אללע, שוין באַלד צוויי יאהר, אונטערהאַלטען נאָר דורך די מיטעל, וועלכע עס קומען פון אמעריקא.

וואָס די מלחמה געדויערט לענגער, ווערט די עקאָנאָמישע לאַגע אין א"י אלץ שווערער, אָבער די אמעריקאַנישע הילפע ווערט אויך אינטענסיווער. יעצט געהט די פראגע וועגען דעם, אז פון דעם רעליעף פאָנד זאָל מען אויסגעבען ניט נאָר אויף איינפאכע שטיצע, נאָר אויך הלואות פר ארבייטס מעגליכקייטען. דער רעליעף קאָמי־טעט וועט זך דערפון געוויס ניט ענטזאגען.

דער קריזיס וועט אריבער, דער אידישער ישוב אין א"י וועט זיך צוריק אומקעהערען צו זיין נאַטירליכען עקאָנאָמישען לעבען, נאָר נאָך לאַנג וועט מען מיט טיפער אנערקענונג און דאנקבאַרבייט דערמאָנען די אמעריקא־נער אידען, וואָס האָבען פערשטאַנען צו גע־בען זייער הילפע אין דער רעכטער צייט און אויף מענשליכען אופן.

ה) די פּאָליטישע לאַגע אין גליל און שמרון.

ווען מען רעדט וועגען דער פּאָליטישער לאַגע אין ארץ ישראל

אין דער מלחמה צייט, מוז מען באלד אונטערשיידען צווישען יהודה און גליל, ריכטיגער געזאגט, צווישען דעם בעצירק פון ירושלים און דאס איבעריגע ארץ ישראל.

אין גליל האָבען די אידען געליטען פון דער מלחמה אין פּאָלי־טישען זינן כמעט ניט מעהר ווי די אנדערע איינוואָהנער. די רעגיע־רונג האָט גענומען רעקוויזיציאן (זאכען, וועלכע עס זיינען נויטיג פיר דער ארמעע) ביי דעם אראבישען פעללאַח זיין אייזעל און זיין קאַממעל (גמל), און ביי דעם אידישען קאָלאָניסט זיין פערד אדער פּרדה. נאָך דער מלחמה וועט מען דאפיר גלייך בעצאַהלען דעם פעל־לאחין און דעם אידישען קאָלאָניסט; גיכער וועט מען ביידען ניט בעצאַהלען. די פוהרצוואנגס ארבייט האָט דער פעללאה געמוזט אויס־פיהרען מיט זיין לעצטען גמל און דער קאלאניסט מיט זיינע פערד און וועגען. דאפיר האָט מען אבער באלד געקענט מאָהנען געצאַהלט, און אין אייניגע קאָלאָניען (זכרון אין חדרה) האָבען די אידען בע־קומען דאפיר א היבשע איינקונפט, אלענפאלס האָבען זיי דאביי געהאַט זייער ווענג פערלוסט.

ווען די טערקיי איז אריין אין קריעג און עס איז ארויפגעשוואו־מען די פראגע פון די פיינדליכע אונטערטהענער, ווען מען האט די קריסטליכע אונטערטאנער ארויסגעשיקט פון די שטעדט אין דמשק און אין טיעף סיריען, האָט מען די אידען פון גליל און שמרון באלד ערלויבט אָננעהמען טערקישע אונטערטהאנשאפט און פערבלייבען אויף זייערע פלעצער. די אבצאהלונג איז געווען נאָר 5 פראנק, און מען האָט זיי בעפרייט דאָס ערשטע יאהר פון מיליטער דיענסט.

דורך דעם קריעגס־צושטאַנד האָבען די אידישע שומרים ניט גע־קענט בענוצען זיך מיט געוועהר. די אראבישע שכנים אין גליל האָבען געפּרובירט אויסנוצען דיעזע לאגע אום צו פיטערען זייערע בהמות אויף די אידישע פעלדער; אין איין פלאַץ האָבען זיי געוואָלט אָפּ־נעהמען ביי אידען א שטיקעל לאנד, אויף וועלכען זיי האָבען פּרע־טענדירט. עס איז געווען א צוזאמענשטויס. די רעגיערונג האָט אבער באלד אבגעשטעלט די שטרייטיגקייטען ווי אין געוועהנליכער שלום צייט.

אין חדרה האָט א שכן, אן איינפלוסרייכער אראבישער שייך,

בשותפות מיט דעם קאָמענדאַנט פון דער שטאָדט ג׳ענין, געפּרובט מאַכען א בּלבּול אויף די אידישע קאָלאָניסטען, אז ווייל זיי זיצען בּיים בּרעג ים, פּערקויפען זיי ווייץ צו די פיינדליכע קריעגסשיפען, וואָס פאָהרען פאַרבּיי. מען איז געקומען אין קאָלאָניע מיט מיליטער. דורך דראָהונגען און קלעפּ האָבּען זיי געצוואונגען די אראַבּישע פּוהרמאַנס, וואָס דיענען בּיי די אידען, אז זיי זאָלען זיך מודה זיין, אז זיי האָבּען געפיהרט די אידישע ווייץ צום בּרעג ים. די שולד האָט מען ארויפגעוואָרפען אויף 13 פון די אָנגעזעהענסטע יונגע לייט און מען האָט זיי אַוועקגעשיקט צו דעם מיליטער געריכט אין ירושלים. אבּער אין דעם זעלבּען טאָג איז געקומען דער פּאשא (גאָ־ווערנאָר) פון שכם, ער האָט בּעמערקט די פאַלשקייט, האָט ארעס־טירט דעם אראַבּישען שייך, האָט אוועקגעשיקט פון דער קאָלאָניע דעם קאָמענדאַנט מיט זיין מיליטער. בּיי די אראַבּישע עדות האָט ער זיך דערוואוסט דעם אמת, און אין פערלויף פון אייניגע טעג האָט ער אלעם איבּערגעגעבּען דער אָבּער־רעגיערונג. אויף אזא אופן האָבּען די ארעסטירטע אידען נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו קומען אין ירושלים, מען האָט זיי אין מיטען וועג, אין יפו, געמעלדעט, זיי זאלען זיך אומקעהרען פריי א היים.

אייניגע מאָנאטען לאנג איז א גרויסע טערקישע ארמעע גע־שטאַנען אין עמק־יזרעאל בּיי דער אידישער קאָלאָניע מרחביה. דער פערהאַלטען זיך פון דער מיליטער, איבּערהויפּט פון די אָפיצירען צו די אידען און צו זייער פערמעגען איז געוועזן זעהר קאָרעקט; א סאָלדאַט האָט קיין רעכט ניט געהאַט ארייננגעהן אין דער קאָלאָניע אָהן אן ערלויבּניש פון אן אָפיציער. אין אַלגעמיין האָט די אַנווע־זענהייט פון מיליטער צוגעגעבּען דעם גאנצען געגענד אַ רוהיגע שטימונג. נאָר איין זאך האָט זיך דאבּיי געלאָזט שטארק פיהלען, דאָס איז די פאָדערונג פון פוראַזש (עסען) פיר די פערד מיט די פּרדה׳ס פון דער ארמעע. די פאָדערונגען צו די אידישע קאָלאָניען אין גליל זיינען אין דיעזער הינזיכט געוועזן אויף אזוי פיעל גרע־סער, אויף וויפיעל די אידען זיינען רייכער און שטאַנדהאפטער איידער די ארעמע אראַבּישע פעללאַכען. מען מוז נאָך בּעמערקען, אז בּיי די פעללאכען האָט מאַן צוגענומען צו מיליטער דיענסט די

בעסטע ארבייטער, אין דער צייט וואָס פון די אידישע קאָלאָניען זיינען נאָר איינציגע אוועק אין דיענסט, די איבריגע האָבען בע־צאָהלט די פופציג טערקישע לירעס, לויט דעם געזעץ, און זיינען פערבליבען ביי זייער ווירטשאַפט.

ו) די פּאָליטישע לאַגע אין יהודה.

גאר אן אנדער כאראקטער האָט אָנגענומען די פּאָליטישע לאַגע פון די אידען אין יהודה.

באלד ווי עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אייראָפּעאישער קריעג און אין דער טערקיי איז געוואָרען קריעגס־צושטאַנד, איז אין יפו אָנגעקומען אלס קאָמענדאַנט א אונקולטיווירטער אראבער, א שטרענגער סאָלדאַט, א פאַנאַטישער מוסולמאַנער, דאַצו נאָך א נערוועז־קראַנקער מענש. אלס געהילפע האָט ער צו זיך צוגעפּאַסט אַן אונטער אָפיציער, א געוועזענעם בעדואינער; דער לעצטער איז געוועזען א קורצער מיט קרומע פיסלעך, נור ער איז געוועזען געשווינד ווי א רוח, ליסטיג ווי א קאַץ, אכזריות'דיג ווי א טיגער, אויך אונ־קולטיווירט, אויך פאנאטיש, נאָר אנשטאַט שוואכע נערוועז האָט ער געהאַט א שוואכקייט צו „פערדלאַך", דאס הייסט צו גאָלדענע ענגלישע פונטען. דיעזע לעצטע מעלה זיינע האָט ז.יך ארויסגעוויזען ערשט נאָך זיין טויט; ביי זיין לעבען האָט מען געגלויבט, אז ער איז אזוי ערענסט און איבערגעגעבען צו דער רעגיערונג ווי זיין אבער־הערשער, דער קאָמענדאַנט.

מען מוז שענקען פיעל אויפמערקזאַמקייט דער כאראקטעריס־טיק פון די צוויי אָפיצירען, ווייל דורך זייער ווילדען אויסזיכט און בענעהמען זיך מיט אלעמען האבען זיי באלד ארויסגערופען א פּאַניק אין דער אומגעגענד, איבערהויפּט צווישען דער אידישער בעפעל־קערונג, בעזאָנדערס צווישען די וואָס פערשטעהען ניט גוט די אראַ־בישע שפּראַך. מען קאָן בעהויפּטען, דאָס אויסער דער סבה. פון אויבענגענאַנטע עקאָנאָמישע בעדינגונגען האָבען הונדערטער רוס־סישע אידען באלד פון אָנפאַנג פון קריעג פערלאָזען דאָס לאַנד פאר פּחד פאר דעם מאנסטרום פון די „קרומע פיסלאַך". יעצט ווייזט זיך עס אויס קליינליך, לעכערליך, עפּיזאָדיש, כאראקטעריסטיש

פאר א ווייטער פראווינציע אין מלחמה צייט; דאן האט זיך עס אויסגעוויזען שרעקליך; מען האט געפירכטעט, אז עס איז אן אנ־פאנג פון עטוואס אונגעהויער שלעכטעס. עס איז נאך געווען בעפאר ג׳מל פאשא מיט זיין ארמעע איז געקומען אין ארץ ישראל. מען האט געפירכטעט עס וועט ניט זיין קיין פיהרער. קיין הערשער, און אזעל־כע אומגעלומפערטע מענשען וועלען בעל־הבית׳ווען אין לאנד. די וועלכע עס זיינען נאך ניט געווען שטארק איינגעוואקסען אין לאנד, זיינען פון שרעק באלד אנטלאפען.

ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען, האט דער קאמענדאנט מיט זיין געהילפע גערעכענט פיר זייער אויפגאבע צו היטען דאס לאנד פון אינערע אונרוהען, שאפען פראוויאנט און פוראזש פאר דער ארמעע, און אפהיטען דעם יפו׳ער ברעג פון א דעססאנט (אויסשיפפונג פון די פיינדליכע קריגסשיפען.)

פון דעם ערשטען פונקט האבען געליטען איבערהויפט די דאר־פישע אראבער. פיר יעדע רוהע־שטערונג, פיר יעדער גנבה האט מען געשלעפט אין פאליציי, געשלאגען מכות רצח, געטראטען מיט די פיס; פיר גרעסערע זאכען פון גזלה און פיר חשד אין שפיאנאז האט מען אייניגע אראבער איבערגעגעבען צום קריעגס־געריכט און געהאנגען. מיט אייראפעאישע לייט האבען זיי זיך פערהעלט־ניסמעסיג אנשטענדיג בעגאנגען. עס פלעגט זיך ענדיגען מיט זיד־לערייען און מיט געלד־שטראפע. פון אידען האבען זיך נאר אייניגע יונגע לייט פערזינדיגט אין רוהע־שטערונג און געכאפט פעטש; עס האט געכאפט א פאטש אויך איינער פון די אנגעזעהענסטע דייטשע קאלאניסטען.

פון די רעקוויזיציאנען (אבנעהמונגען צו גונסטען דער ארמעע) האבען אויך שטארק געליטען די אראבישע פעללאכען; זיי מיט זייערע קאמעלען און אייזלען פלעגט מען אוועקשיקען אויף ארבייט אויף וואכען און חדשים לאנג, נאר גוטע פערד, פרדות וועגען און אינסטרומענטען האט מען דאך גענומען איבערהויפט ביי די אידישע קאלאניסטען, דאצו האט מען אין יהודה פיר דער פוהר־דינסט ניט געצאהלט. ביי די רעקוויזיציאנען פון מאנופעקטור, האלץ, אייזען, נעפט, א. ז. וו. האט מען ביי די אידישע סוחרים אין יפו פערהעלט־

ניסמעסיג מעהר גענומען ווי ביי אנדערע; ערשטענס, ווייל אין די קאָמיסיאָנען, וועלכע עס האָבען געדארפט בעשטימען דעם סכום און די מקחים פון די סחורות, וואָס מען דארף נעהמען ביי יעדען, זיינען געזעסען כמעט לויטער אראבער (די אידישע סוחרים זיינען אם מייסטען דאן נאָך געווען פרעמדע אונטערטהענער), און צווייטענס, איז געווען א טענה, אז די אידען בעקומען הילפע פון זייערע ברידער פון אויסלאַנד און די אראבער האָבען עס ניט.

נאָך ערגער האָט געווירקט אויף דעם דעת הקהל דער רעש און די אומגעלומפערקייט, מיט וועלכע די רעקוויזיציאָן איז געמאַכט געוואָרען מען פלעגט שטענדיג ארויסלאָזען א קלאַנג, אז מען דארף האָבען און מען וועט נעהמען צעהן מאָהל מעהר ווי מען האָט נאָכהער גענומען. מען האָט צום ביישפּיעל גענומען פון די אידישע קאָלאָניען (פיר דער וואסערלייטונג אין דער וויסטע) 15 מאָטאָר־מאַשינען און 3000 מעטער אייזענרעהרען. דעם רעש האָט מען אָבער געמאַכט, אז מען וועט צונעהמען אַלע מאַשינען מיט אַלע רעהרען, אזוי אז די גערטנער וועלען חרוב ווערען. פאַקטיש איז קיין אידישער גאָרטען ניט רואינירט געוואָרען פון דער רעקוויזי־ציאָן. די בעהאַנדלונג אָבער ביז מען האָט גענומען, האָט געמאַכט זעהר א געדריקטע שטימונג. די אידען, וואָס האָבען גראדע אליין ניט געליטען דאריין, האָבען זיך דערשראָקען, אנטלאָפען און גע־מאכט א רעש אין חוץ לארץ, אז דער אידישער ישוב אין א״י ווערט אין גאַנצען חרוב.

די ענערגישע ארבייט פון דעם יפו׳ער קאָמענדאנט צו היטען דעם ברעג ים, אַז די שונאים זאלען דאָרט ניט ארויסשיפען זיך, דאס האָט אויף דער אידישער בעפעלקערונג קיין בעזונדער ווירקונג ניט געקענט האָבען. עס איז נאָר געווען א אונבעקוועמליכקייט, וואָס מען האָט ביי נאַכט געמוזט געהן מיט לאנטערנעס, ווייל מען האָט אויסגעלאָשען די גאס לאַנטערנס; שפּעט ביי נאַכט האָט מען גאָר ניט געטאָרט ארומגעהן. עס איז מיט די אידען קיין אינצידענט ניט פאָרגעקומען; אויסער דעם וואָס מען האָט איין מאָל, אויף א קורצער צייט, ארעסטירט די אידישע ארבייטער, וועלכע האָבען ניוועלירט דעם באָדען און דורכגעפיהרט א וועג פון תל אביב צום

ים, ווייל זיי גרייטען בלומרשט צו א וועג פיר די ענגלענדער. מען האָט אבער באלד די ארבייטער פריי געלאָזען.

אינדירעקט אבער איז די מורא פיר דעם פיינדליכען אויסשיפּען (דעססאַנט) געווען די סבה פון אלע שרעקען און צרות, וואָס די אידען, איבערהויפּט די ציוניסטען, האָבען איבערגעלעבט אין ארץ ישראל אין פערלויף פון דעם ערשטען מלחמה יאהר.

און באמת, געהט אריין אין דער לאגע פון א מיליטערישען קאָמענדאנט, וואָס דארף מיט דער הילפע פון אייניגע הונדערט סאָלדאטען בעשיצען דעם ברעג ים פון דעם שונא, וואָס קען קומען יעדע שטונדע ווי א דונער פון הימעל. און דאָ האָט ער ארום זיך צעהנדליגע טויזענדער אונטערטהענער פון די פיינדליכע מדינות, זיי קענען מעלדען דעם שונא, געבען סיגנאלען, און נאכהער, אין פאַל פון דעססאנט, בעגעגענען דעם פיינד — זייער פריינד — מיט אָפענע אָרעמס. מילא, די קריסטען האָט מען ארויסגעשיקט פון לאנד אָדער מען האָט זיי אינטערנירט אין די ווייטע געגענדען פון סיריען. אָבער ווענען די אידען ליגט א בעפעהל פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, מען זאָל זיי ערלויבען ווערען טערקישע אונטערטהענער; אלזא, זיי ווערען בירגער, בעקומען אלע בירגערליכע רעכטע; ווער ווייס אבער, וואָס עס שטעקט אין קאָפּ און אין הארצען ביי די נעכטיגע רוססישע, פראנצויזישע אָדער ענגלישע אונטערטהענער. דאצו לעבען זיי נאָך מיט אַן אייגענער אָרגאניזאציאָן, מיט אַן אייגענער שפּראַך; ווער ווייס וואָס ביי זיי טהוט זיך דאָרט, צו וואָס זיי בערייטען זיך פאָר.

און דאָ קומען מיר צו דער צווייטער פּערזאָן, וועלכע עס האָט געשפּיעלט די הויפּט ראָלע אין די פּאָליטישע פערהעלטניסע געגען דעם ציוניזמוס אין מלחמה צייט; מיר מיינען דאמיט דעם בעוואוסטען יפו׳ער קאימאקאם.

ז) בהא-אדין אין די ערשטע גזרות.

דער יפו׳ער קאמאקאם בהא־אדין איז אין פיעלע פּרטים געווען דער היפך פון דעם בעשריבענעם קאָמענדאנט. ער איז געווען קלוג, געבילדעט, ערנסט און נאָבעל. ער איז פריהער געווען א בעאמטער אין מאקעדאָניען, און האט זיך דאָרט איבערצייגט, אז די טערקיי האָט פערלארען די פּראָווינץ, איבערהויפּט דורך די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די סלאווישע קאָמיטעטן און דורך דער אריינמי־שונג און אינטריגען פון די אייראָפּעאישע קריסטליכע מלוכות. נאָכהער האָט ער געהאט א שטעלע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין מי־ניסטעריום אין דער אבטהיילונג פיר פרעמדע נאַציאָנען. די אראבער, וועלכע עס פלעגען קומען אין טערקישען פּארלאמענט אלס פערטרע־טער פון סיריען און פּאלעסטינא, האבען זיך בעמיהט צו איבערציי־גען איהם, ווי אויך אנדערע בעאמטע אין דער רעזידענץ, אז די אידי־שע אימיגראַצאַן און קאָלאָניזאציאָן אין א״י איז שעדליך פיר טערקיי אלס א פרעמדער עלעמענט, וועלכער ווערט אונטערשטיצט פון אויסלענדישע קאָמיטעטען און אָרגאניזאציאָנען. אויב ער האט זיך אינטערעסירט מיט דער טהעטיגקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציאָן. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער זיך געקענט איבער־צייגען, אז די פערטרעטונג איז שטענדיג געווען פון אויסלענדישע קאָמיטעטען דורך אויסלענדער. אין דער טערקישער רעזידענץ האט נאָך נימאָלס ערשיענען א דעפּוטאַציאָן פון די איינגעבאָרענע אָדער נאַטוראליזירטע אידישע עלעמענטען פון דעם נייעם ישוב, אלס בירגער וואָס ווענדען זיך צו זייער רעגירונג.

מיט אזעלכע ידיעות און איינדריקע איז בהא־אדין געקומען אין יפו, אין תל־אביב, און האט דאָרט געפונען די לאגע פיעלייכט פיעל ערגער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. גראדע אין דעם פונקט האָ־בען די אידען אן אייגענע מוניציפּאליטעט (ווער תל־אביב), אייגענע פּאָליציי (שומרים), אייגענע נעמען פון די גאַסען מיט אויפשריפ־טען נאָר אין העברעאיש, שולען מיט העברעאישער אונטערריכטס־שפּראך; ווייטער, אייגענע טריבונאלען (משפט השלום), אייגענע

פּאָסט מארקען * (פון קרן קימת), אַן אייגענע אויסלענדישע באנק, און אין דער צייט פון קריעג אויף אייגענע געלד־צייכען; אַלזאָ, אַלע דיענסטע, וואָס נאָר די רעגיערונג האָט דאָס רעכט צו שאפען און לייטען. אַם ענדע קומט יעצט פון צייט צו צייט אַן אַמעריקאַ־נישע קריעגסשיף און ברייגנגט קעסטלעך גאָלד וועלכע עס ווערט צוטיילט דורך פרעמדע אונטערטהאַנען פאר פרעמדע אונ־טערטהאַנען אָהן אַ שום קאָנטראָל פון דער רעגיערונג. הייסט עס דען ניט א שטרענג־אָרגאַניזירטע סעפּאַראַטיסטישע שטרעבונג? עס גיבט שוין זאָגאר אַן אייגענע פאָהן, אַן אייגענע הימנע (התקוה).

בהא־אדען איז אַ געשיקטער בעאמטער. ער בעגניגענט זיך ניט מיט וואָס מען דערצעהלט איהם. ער קלייבט צוזאַמען פאקטישען מאַ־טעריאַל, און עס איז איהם לייכט צו געפינען, ווייל מאן האָט דאָך קיין זאך ניט געהאַלטען בסוד. גערארע געפינט ער אין א געוועהר־מאַגאזין אונפאָרזיכטיג פערשריבען די נעמען פון די, וועלכע עס האבען געקויפט געוועהר פאר די אידישע שומרים. ער ארעסטירט מאַניע ווילבושביטש־שוחט, און זי געפינט פאר עהרליך און פראַק־טיש ניט צו פערלייקענען פאר איהם דאָס, וואָס ער וועט סיי ווי סיי וויסען. זי ציטירט איהם די ציוניסטישע פּראָגראַם און רעדט מיט אהם אָפען וועגען די ציוניסטישע האָפענונגען אין ארץ ישראל און וועגען דער פליכט פון דער טירקיי און אלע אנדערע פעלקער צו

---

*וועגען די מאַרקען איז פאָרגעקומען א מיספערשטענדניס. מען האט איהם דערצעהלט וועגען די פאסט־מאַרקען, וואס האָבען צירקולירט מיט איניגע יאהר צוריק צווישען די קאלאניען אין יפו ער האט געמיינט אויף די מאַרקען פון נאַציאָנאַלפאָנד אז דאָס זיינען פאָסט־מארקען. מיט דעם טעות ערקלערט זיך פאר וואָס אין דער זעלבער צייט ווען עס זיינען געווען שטרענגע בעפעהלען וועגען די מאַרקען האָט מען אין יפו ער־האַלטען מאַרקען פון נאציאנאַלפאָנד וועלכע עס זיינען געקומען מיט דער פאָסט דורך קאָנסטאַנטינאָפּעל. בעת די אונטערזוכונגען האָט מען געפונען מארקען פון נ״פ און מען האט דערפאר ניט בעשטראפט. ניכר אז זיי האָבען געזוכט די אידישע פאָסט־מאַרקען און דאס האבען זיי ניט געפונען, ווייל זיי זיינען ניטאָ.

אונטערשטיצען אונזערע רעכטע אין א"י. אויב זי האָט זיך ענט־זאגט צו געבען איהם די נעמען פון די ציוניסטישע כלל־טהוער אין א"י, האָט ער זיך עס שוין אליין דערוואוסט (פיליכט טאקע דורך אנדערע אידען.)

יעצט האָט ער ביי זיך געהאט אלעס אין האנד; ער האָט דעם ציוניזם געקענט געבען א טויט־שלאג: די אלע ציוניסטישע פיהרער, די מעהר אָדער וועניגער וויכטיגע מיטארבייטער און בכלל דער גרעסטער טהייל פון דעם נייעם ישוב זיינען אונטערטהאַנען פון די פיינדליכע לענדער, ער קען זיי אין א שעהנעם פריהמאָרגען אויף פּאָליטישען גרונד ארויסשיקען פון לאנד, ווי מען זאָגט, אָהן שבעה, אָהן שלושים און טרוקען אין שטוב.

ליידער אָבער ליגט פאר איהם אַ בעפעהל פון דער צענטראלער רעגיערונג, ער זאָל די אלע „פרעמדע" אָננעהמען אלס פאָלבערעכ־טיגטע טערקישע בירגער, אויב זיי וועלען נאָר פערלאנגען. צו זיין גליק האָבען ניט אלע אידען געוואָלט אויסנוצען דאָס רעכט; ער האָט נאָך געמאַכט זיי שווערער די זאך, ווייל ער האָט געפאָדערט 40 פראנקען טעקסעס פאר יעדער דערוואקסענעם מענשען וואָס וויל זיך אָטאָמאַניזירען. די אידען האָבען געמאַכט אַן אַנפראגע אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, און דערווייל האָט זיך די זאך פערצויגען. מיט דער צייט האָט זיך בהאַ־אדין אויסגענוצט; ער האָט געשראָקען דעם עולם, אום זיי זאָלען קיין חשק האָבען צו נאַטוראליזירען זיך און זאָלען בעסער פערלאזען דאָס לאנד. ער האָט שותפות געמאַכט אין איינינע „אונטערנעהמונגען" מיט דעם זאָנסט ניט געליבטען פון איהם יפו'ער קאָמענדאַנט. מען האָט ביי די קאָלאָניען פון יהודה געפאָדערט, זיי זאָלען אָפּגעבען דער רעגיערונג א געוויסע צאָהל פון פערבאָטענע אין קריעגסצייט מארטין ביקסען (זיי האָבען אזוי פיעל ניט געהאט); מען האָט אויסגעפאָדערט די געוועהר ביי אלע איינוואָהנער פון תל אביב; מען האָט אָבגעשאַפט די ספּעציאל אי־דישע שמירה פון תל־אביב און אריין געשיקט די אַלגעמיין שטאָד־טישע שומרים, א טהייל אראבער און פאָליציסטען. אין א שעה־נעם פריהמאָרגען האָט מען ארומגערינגעלט תל־אביב מיט מיליטער, געמאַכט אונטערזוכונגען אין איינינע הייזער, קאָנפיסקירט גע־

וועהר, באנקנאָטען פון דער אידישער באנק און געלד־צייכען פון ועד־ תל־אָביב. אין דערקאָלאָניע פתח תקוה האט מען געמאכט אן אונטערזוכונג אויף דעם שולהויף, דארט איז כלומר'שט פערגראבען געווען געוועהר און זאגאר קאַנאָנען. אין דער שטאָט מיליציע פון יפו האָט מען קיין אידען ניט ארייננענומען; די אנשטענדיגע און פערמעגליכע אראבער האָבען זיך ניט געוואָלט איינשליסען אין דער מיליציע, די איינגעבוירענע טערקישע אידען האָבען אויך קיין חשק געהאט צו געהן, די נייע נאַטוראליזירטע אידען האָט מען ניט ארייננענומען, עס איז פערבליבען אין דער שטאָדטישער מיליציע דער ערגסטער סאָרט פון די אראבער, זיי האָט מען געגעבען געוועהר.

די אלע הנהגות האָבען געמאכט זעהר אַ שלעכטען איינדרוק אויף דעם אידישען עולם אין יהודה; הונדערטער מענשען פלעגען אָפּפאָהרען מיט יעדער שיף (איטאַליענישע שיפען האָבען נאָך דאָ־מאָלס קורסירט און פלעגען נעהמען דאָפּעלטע און דרייפאכע פריי־זען). אין דיא גאסען פון תל־אביב פלעגען טאָג טעגליך פארקומען עפענטליכע מיטינגען. אייניגע האָבען אגיטירט מען זאָל אנטלויפען, ווייל מען וויל אונז זאָ ווי זאָ ארויסטראבען, און אין בעסטען פאל וועט מען דאָ שטארבען פון הונגער; די אנדערע האָבען גע'טענה'ט, אז עס איז א פערברעכען, א פערראטה אין אזא מאָמענט פערלאָזען דאס לאנד, מען וועט איבערלעבען דעם קאפּריז פון אייניגע בעאמטע, און דוקא אין שלעכטע צייטען קויפט מען א לאנד דורך יסורים און זאָגאר דורך בלוט. ברענענדע דיסקוסיאנען זיינען פאָרגעקומען אין די ארבייטער קלובען אין די שטעדט און אין די קאָלאָניען און זאָגאר אין די העכערע קלאסען פון די מיטעל־שולען. אין דעם קריטישען מאמענט האט זיך ארויסגעוויזען, ווער עס איז אין ארץ ישראל גע־ווען צופעליג און ווער עס האָט זיך דאָרט איינגעוואָרצעלט, שוין צוגעוואקסען צום לאנד. אין איין סביבה איז ניט געווען קיין פראגע וועגען בלייבען אָדער פאהרען, דאס איז צווישען די קאָלאָניסטען. זיי האבען אפשר אויך געהאט פערשידענע מיינונגען צו דארפען אַנדערע אוועקפאהרען, אבער וועגען זיך אליין איז ביי זיי קיין פראגע געווען, זיי האָבען, ווי עס שיינט, געפיהלט אינסטינקטיוו,

אז זיי קענען זיך ניט ריהרען פון ארט, ווי עס קענען זיך ניט ריהרען זייערע הייזער, זייערע פעלדער און זייערער גערטנער.

שטארקע חלוקי דעות זיינען אויך געווען צווישען די עסקני הצבור אין יפו, צי מען דארף קעמפפען געגען דעם אנטלויפען פון א״י, אדער מען דארף לאזען געהן ווי עס געהט. איבערהויפט זיינען געווען חלוקי דעות וועגען פאלגענדען פונקט: פיעלע פון די עסקנים אין יפו, ירושלים און די קאלאניען פון יהודה, האבען נאך פון אנ־פאנג דער קריעג געפאדערט, מען זאל שיקען אין קאנסטאנטינאפאל א דעלעגאציאן פון די אנגעזעהענסטע אידען, טערקישע בירגער פון ירושלים און די קאלאניען, זיי זאלען דארט ערקלערען די ווערדע און די לאגע פון דעם אידישען ישוב אין זיין נייער פארם און דאביי אויך דערצעהלען וועגען אלע שווערינקייטען, וואס מען לעבט יעצט איבער, די הויפט טענה פון די עסקנים איז געווען, אז ביז יעצט האט די צענטראלע רעגיערונג געזעהן פאר זיך אלס פערמיטלער פרעמ־דע אונטערטאנער, פארשטעהער פון אויסלענדישע געזעלשאפטען; דאס איז געווען אלע מאל א פעהלער, יעצט איז עס א סכנה. די רע־גיערונג מוז זעהן פיר זיך די פאקטישע בני הישוב, איהרע בירגער און מיטארבייטער אין לאנד; דאן וועט זי בעסער פערשטעהן וואס דא טהוט זיך און וועט מיט זייריידען אנדערע דבורים. ווייניג־סטענס וועלען מיר פון איהר אנטווארט קענען וויסען, וואו מיר האל־טען מיט איהר אין דער וועלט. אייניגע עסקנים זיינען געווען געגען אזא דעלעגאציאן און האבען געזאגט, אז מען דארף זיך בענוגענען מיט בריעף, מיט טעלעגראמען צו מארגענטוי און צו דעם ציוניסטישען פערטרעטער אין קאנסטינטאנאפעל. ביי די דעבאטען און החלטות פלעגט גובר זיין דער רוב, וואס איז געווען פאר א דעלעגאציאן, אי־בערהויפט אז עס פלעגט פארקומען עפעס א נייע גזרה; מען האט שוין זאגאר געוועהלט די לייטע פאר א דעלעגאציאן. למעשה אבער זיינען געווען די געלד מיטעל אין די הענט פון די וואס זיינען געווען געגען א דעלעגאציאן, און די החלטה איז ניט דורכגעפיהרט געווארען.

און דאן קומט דער בעוואוסטער דאנערשטאג.

ח) דער בעוואוסטער דאַנערשטאָג.

עס איז זעהר אינטערעסאַנט דער עולם זאָל וויסען אַלע פּרטים װעגען דעם בעוואוסטען דאנערשטאַג (17טען אָקטאָבער, ז׳ דחנוכה), ווייל אויף די געשעהענישען וואס זיינען פארגעקומען אין דעם טאָג האָט מען געמאכט פערשיעדענע פּרושים, און אויף דעם סמך זיינען זאגאר געבויט געווארען גאנצע סיסטעמען וועגען אונזער ווייטער־דיגער אבער אין ארץ ישראל.

דאס איז געווען אין דעצעמבער 1914. אין איירופּא האבען די רעגיערונג געיאָגט ווי ווילדע חיות די אונטערטאַנען פון די פיינד־ליכע לענדער; אין אייניגע קולטור לענדער און קולטורצענטרען האָט מען די פרעמדע אונטערטאַנען און זייער פערמעגען איבערגע־געבען צו דעם ווילען פון די „מאסען״. אין סיריען און פאַלעסטינע האָט מען נאָך דאצו יעדען טאָג ערווארטעט דעם דעסאנט פון די פיינדליכע שיפען. דזשעמאַל־פּאשא האָט געשיקט אין יפו א טעלע־גראפישען בעפעהל, אז מען זאָל ארויסשיקען אלע אונטערטאנען פון די פיינדליכע מלוכות.

געראדע איז אין יענעם טאָג געווען אין יפו א איטאַליענישע שיף און זי האָט געדארפט אפּגעהען אין אייניגע שטונדען ארום; דאן האָט מען שוין גערעדט וועגען מלחמה מיט איטאַליען, און מען האָט מורא געהאַט, אז דאָס איז שוין די לעצטע נייטראלע שיף וועלכע בעזוכט יפו.

ווי דער מנהג איז אין טערקיי האט מען אויסגערופען אין די גאַ־סען, אז אלע פיינדליכע אונטערטאנען מוזען היינט אוועקפאָהרען. און וואס וועט זיין מיט די וואָס וועלען ניט אוועקפאָהרען? אייניגע האָבען דערציילט אין נאָמען פון קימקאם, אז מען וועט אזעלכע אוועקשיקען טיעף אין לאַנד; די פיינדליכע פון אנדערע נאַציאנען פון סיריען, האָט מען ביז יעצט געשיקט אין דמשק און ווייטער אין סיריען ביז אורפה (אור כשדים). די אידען האָבען אבער מורא גע־האַט, אז זיי וועט מען אוועקשיקען אין קליין אזיען און פילייכט נאָך אין מדבר צווישען די בעדואינען; לייט מיט גוטע קעפּ האָבען נאָך געמאַכט השערות און סברות, אז מען וועט די פרעמדע דוקא

לאזען אין יפו, נאָר אויבֿ דער שונא וועט קומען וועט מען זיי שטעלען אין פראָנט, מען זאָל אויף זיי שיסען. (אזוי האָט מען דאָך געטהאָן אין אייראָפּא).

אין איינִיגע גאסען זיינען פּאָליציסטען געגאַנגען פון שטובֿ צו שטובֿ, און וואו זיי האָבען געפונען פיינדליכע אונטערטאנען האָבען זיי זיי געטריבען אין סערראי (פּאָליציי סטיישאָן). עס זיינען זאגאר געווען איינִיגע פאקטען, וואָס זיי האָבען דערבֿיי ניט געוואָלט ווארטען ביז די עלטערען וועלען אָפּזוכען זייערע קינדער, וועלכע זיינען אין דעם מאָמענט ניט געווען צו הויז. עס איז זעהר מעגליך, אז דאס בעסטע וואָלט דאן געווען דער עולם זאָל ניט לויפען, יעדער זאָל בלייבען ביי זיך אין דער היים; אין די איינִיגע שטונדען ביז די שיף דארף אוועקגעהן וואָלטען די פּאָליציסטען קענען עקספּעדירען נאָר אַ פּאָר הונדערט מענשען. נאָר עס איז געוואָרען א פּאניק, דער עולם האָט אָנגעפילט אַלע גאסען, איבערהויפּט אין תל־אביב. א קאָמיסיאָן איז געפאָהרען צום קימאַקאָם, און קומענדיג האָבען די לייטע נאָך פון וואגען געשריען צו אלעמען, אז מען מוז אַוועקפאָהרען. דער ועד פון תל־אביב האָט געשיקט זיינע בעאַמטע פון שטובֿ צו שטובֿ מעלדען, אז מען מוז אוועקפאָהרען. דער עולם האָט פערכאַפּט די נייטיגסטע זאכען און איז אליין געלאָפען צו דער פּאָליציי.

אין דער זעלבער צייט איז א רעגירונגס קאָמיסיאָן געזעסען אין ועד פון תל־אביב, און האָט געגעבען קוויטונגען די, וועלכע עס זיינען געווען רעגיסטרירט ביז יענעם טאָג צו דער נאַטוראליזאציאָן; פיעלע האָט מען אין יענער שטונדע רעגיסטרירט, אויבֿ דער ועד פון תל־אביב האָט עדות געזאָגט, אז דער מענש האָט זיך שוין פריהער געמעלדעט. אין געגענטהייל אָבער האָבען פיעלע שוין רעגיסטרירטע אליין געשטעלט זיך אין די רייהען פון די וואס מען פיהרט צום שיף. פיעלע עלטערען, וואָס זיינען אַליין געווען רעגיסטרירט און געבליבען אין לאנד, האָבען געבראכט זייערע קינדער, די יונגע לייט, און האָבען זיי איבערגעגעבען אין די הענד פון דער פּאָליציי. א גרויסע ראָליע האָט געשפּיעלט דערבֿיי דאָס, וואָס מען האָט יעצט געקענט אוועקפאהרען אָהן א רייזע טיקעט און אָהן א פּאספּאָרט. פיעלע

אונטערטאנען פון נייטראלע רעגיערונגען, זאָגאר טערקישע אונ־טערטאַנען, וואָס האָבען מורא געהאַט אז ס'וועט ניט זיין קיין מיטעל צום לעבען, האָבען זיך יעצט אויסגענוצט מיט דעם צופאל און זיינען געלאָפען צום שיף. (די פּאָליציי ביים ברעג האָט געמוזט גוט קאָנ־טראָלירען, אז קיין איבעריגע אידען זאָלען ניט אַנטלויפען פון ארץ ישראל.) די „פריווויליגע" האָבען פערגרעסערט דעם טומעל מיט דער פּאַניק; אזעלכע לייט, אום צו פערענטפערען זייער אַנטלויפען, האָבען דאָך געמוזט טענה'ן, אז די וואָס פערבלייבען וועלען שטאַר־בען פון הונגער און מען וועט זיי הייגגען און שיסען.

דערווייל האָבען זיך אין דעם איינגען פּלאַץ פאר דעם גומריק (צאָל אַמט ביים האפען) צוזאַמענגעשטופּט מעהר אַלס טויזענד מענשען, אַפּרייזענדע, און נאָך אזוי פיעל צושויער. כמעט אלע אפּ־רייזענדע האָבען גע'טענה'ט, אז זיי האָבען קיין געלד אויף טיקעטס; די שיף געזעלשאפט האָט געמעלדעט, אז זי וועט אַלעם פאָדערען פון דער רעגיערונג. דאַן האָבען די בעאַמטע אָנגעפאַנגען צו קאָנ־טראָלירען די אפּרייזענדע, אויב זיי האָבען ביי זיך געלד אָדער גאָלדענע חפצים זאָלען זיי בעצאָהלען פאר זיך און פאר די ארעמע לייט. די רייכע האָבען גראדע געוואוסט, ווי צו בעהאַלטען זייער געלד, געליטען האָבען די ארימע. ביז אם ענדע האָבען זיך איינינע עסקנים פון יפו פערפליכטעט אפּצוצאָהלען די רייזעקאָסטען פאר די ארעמע לייט (אלזא אויך פאר די „פריווויליגע".)

דער ווייל איז געוואָרען נאַכט, דער ים איז געווען ניט רוהיג, די אראבער פון די קליינע שיפלעך, וועלכע עס האָבען שוין לאַנג גע־ליטען פון דעם פערקלענערטען שיף פערקעהר, האָבען אויף דיזען צופאל געקוקט ווי אויף א מאַרקטאָג. געוועהנליך נעהמט מען פאר בריינגען צום גרויסען שיף ביי אזא צייט און אזא ים צוויי פראַנק פונפש. יעצט האָבען זיי געפאָדערט דריי פראַנק און מעהר. עס איז געווען טומעלדיג און פינסטער, קיינער קען זיי ניט קאָנטראָלי־רען, עס איז געוואָרען קריעג, געשרייען.

די איטאַליענישע שיף האָט געקענט נאַטירליך אויפנעהמען נאָר 500־400 פאסאזשירען, מיט גרויס שווערינקייט האָט זי אויפגענו־מען ביז 800, מעהר איז אבער קיין מעגליכקייט ניט געווען. עס

האָבען זיך געמוזט אומקעהרען אין שטאָדט איינינע שיפלעך מיט פאסאזשירען; און אזוי ווי איינינע פאמיליען זיינען געווען צו־טהיילט אין פערשיעדענע שיפלעך, זיינען פון דיעזעלבע פאמיליען איינינע פערבליבען אויפ׳ן שיף און איינינע האָבען זיך אומגע־קעהרט. די בעאמטע האָבען ניט געוואוסט, צי האבען זיי דאס רעכט פרייצולאָזען די אומגעקעהרטע לייטע. ערשט ארום האלב נאָכט האָט מען זיי פריינעלאָזען.

די גימנאַזיע האָט אין דעם טאָג בעקומען א בעפעהל אוועקצו־שיקען אין אויסלאנד אלע תלמידים, וואס זייערע עלטערען זיינען פיינדליכע אונטערטאַנען. מען האָט צוזאמענגענומען אין גימנאַזיע די אלע קינדער, פארבעררייטעט זיי צו דער רייזע. איינינע פון די לעהרער און איינער פון אויפזיכטסראטה האָבען בעשטימט מיט־צופאָהרען מיט די קינדער, אום צו זאָרגען פאר זיי אין דער פרעמד. אין דער זעלבער צייט אבער האָט מען אָנגעוועגדעט אלע מיטעל אום די קינדער ניט צו שיקען (דערביי האָבען פיעל מיטגעהאָלפען די טערקישע בעאמטע, אראבער, וועמעס קינדער עס לערנען אין גימ־נאַזיע.) דערוייל איז די שיף אוועקגעפאָהרען, און כמעט אלע תלמידים זיינען פערבליבען, אויסער די, וועלכע די מוטערס האָבען מיטגענומען, און אויסער איינינע עלטערע שילער, וועלכע עס זיינען אוועקגעפאָהרען מיט׳ן גוטען ווילען.

אין דעם זעלבען אבענד האָבען אָנגעהויבען אָנקומען פון ירושלים אייזענבאהן־צוגען אָנגעפאקט מיט ארויסגעשיקטע און פיליכט נאָך מעהר „פרייוויליגע״ ארויסגעפאָהרענע אידען. איינינע פון זיי זיי־נען ארויף אויפ׳ן שיף, די איבעריגע זיינען פערבליבען ביז דער צווייטער שיף, אונטער דער אויפזיכט פון פאָליציי.

וועגען די געשעהענישען פון דעם דאָנערשטאָג האָט מען באלד טעלעגראפירט צו דער צענטראל רעגיערונג און צו מאָרגענטוי אין קאנסטאנטינאפאל, און אויך צו דזשעמעל־פאשא אין דמשק. פון אלעכסאנדריען האָט מען טעלעגראפירט אין אמעריקא. מיט איינינע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען א בעפעהל, אז די אידען, וועלכע עס ווילען ווערען טערקישע אונטערטאַנען, מעגען נאָך יעצט אויך פער־בלייבען אין לאנד. מאָרגענטוי, פון זיין זייט, האָט בעפוילען אז די

אמעריקאנישע קרייצער, וועלכע זיינען געווען אין ביירוט, זאָלען פון צייט צו צייט בעזוכען יפו און חיפה און וועקפיהרען אין עגיפּ־טען די, וועלכע עס דארפען אדער ווילען אָפּפאָהרען. די אָנקונפט פון די שיפען האָט פיעל בערוהיגט דעם אידישען עולם. מען איז געווען זיכער, אז אין יעדער נויט קאָן מען ריהיג אוועקפאָהרען.ביים האפען אין יפו איז אויך געמאַכט געוואָרען אָרדנונג. מען האָט געמאַכט אַ פעסטען פּרייז מיט די שיפלעך און אומזיסטע שיפלעך פאר ארימע מענשען. עס איז אויך געגרינדעט געווארען א קאָמיטעט אין יפו, וועלכער האָט אויף זיך איבערגענומען צו זאָרגען פאר דער זיכערהייט פון דעם פערמעגען פון די אוועקגעפאָהרענע. די רעגי־רונג, פון איהר זייט, האָט געבילדעט אַ קאָמיססיאָן פון אייניגע בעאַמטע און אידישע בעלי בתים, אונטער דעם פּארזיץ פון חכם באשא, אום צו רעגיסטרירען און פערזיכערען דעם פערמעגען פון די אוועקגעפאָהרענע אידען. דיעזע „ערלייכטערונגען,“ די ידיעות אז אויף די אמעריקאַנער שיפען נעהמט מען אויף זעהר פריינדליך, מען גיט עסען און עס שפּיעלט מוזיק, און אז אין אלעקסאַנדריען בעגעגענט מען אויך זעהר גוט, האָט ביי פיעלע פערשטארקט דעם אַפּעטיט צום אוועקפאָהרען. עס זיינען אוועקגעפאָהרען פריוויליג טויזענדער אידען, וועלכע האָבען געקענט פערבלייבען אין לאַנד.

צו יענער צייט איז דזשעמאַל־פּאַשאַ געקומען אין ירושלים מיט דער ארמעע, וועלכע ער האָט געפיהרט צום סועץ. מען האָט איהם דערלאַנגט אַן אנקלאַגע געגען בהא־אדין, איבערהויפּט וועגען די געשעהענישען פון דעם בעוואוסטען דאָנערשטאג. ער האָט אראָפּ־געשיקט אַ קאָנטראָלער. עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז די אנקלאַגע איז ניט געווען בעגרינדעט. דאָך איז בהא־אדין מיט אַ פּאר וואָכען שפּעטער אָפּגערופען געוואָרען פון זיין שטעלע אין יפו. עס האָט גע־הייסען, אז ער בעקומט א בעסערע שטעלע אלס אטאשע ביי דזשע־מאַל פּאשא, ער איז אָבער מיט א מאָנאט שפּעטער אינגאַנצען אָפּ־גערופען געווארען פון פּאלעסטינע צוריק אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

פּאר זיין אָפּרייזען האָט בהא־אדין געוואָלט נוקם זיין זיך אַן די אידען. עס איז נאָך אין אָנפאנג פון קריעגסצייט ארויסגעגעבען גע־

וואָרען א בעפעהל, אז אלע שילדען מוזען פאר אלעמען געשריבען ווערען אין טערקיש אדער אראביש און ערשט נאָכהער אין אנדערע שפּראַכען. ער האָט אויפגעפאָדערט ביים ועד תל־אביב, אז אויף די שילדען פון די גאסען זאָלען ביי די אידישע נעמען אויך אָנשרייבען אויף אראביש. מען האָט עס ניט געטהאָן. יעצט פאר זיין אָפּפאָהרען האָט ער אייגענהענדיג אראפּגעריסען די העברעאישע שילדען. ער האָט אין דעם זעלבען טאָג אויך געשלאָסען די מעדכען און פרויען סעמינאַריום פון ועד חובבי ציון און די שולע פון אליאנס. (דיביידע שולען האָט מען אביסעל שפּעטער ווידער געעפענט.) ער האָט אָבער געמוזט פיהלען, אז ער איז צו שוואך און מאַכטלאָז צו קעמפּפען נעגען די פּאלעסטינער אידען בכלל, דעריבער האָט ער זיך גענומען צו אן אנדער שיטה.

ט) יד ישראל באמצע.

קומענדיג אין ירושלים האָט בהא־אדין צו זיך איינגעלאדען א אידישען סעקרעטער, א נעפע פון דעם בעוואוסטען פאָרשטעהער פון הילפס־פעראיין, עס איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, אז נאך אין יפו האָט בהא־אדין געהאַט נעבען זיך אַ פּאאר אידישע מקורבים; נאָר דאָס זיינען געווען קליינע מענשען, אָהן געוויכט און אָהן טאַ־לאַנט. פיליייכט האָבען זיי זיך ארויסגעכאַפּט פון צייט צו צייט מיט א וואָרט דרך אגב, ווענען וועלכע עס איז פאקטען. אין ירושלים איז עס געווען א טאלאנטפאָללע מיטארבייטונג צו ברייננען אין „אָרדנונג" דעם גאנצען מאַטעריאל, וואָס בהא־אדין האָט געזאַמעלט אין יפו. די וואָס האבען נאכהער געזעהען די דאסיע (שריפטען), וואס בהא־אדין האָט איבערגעלאָזען בירושה צו דזשעמאַל פּאשא, האָבען עס געמוזט אנערקענען פאר א מייסטערהאַפטעס ווערק. ביי יעדער בעשולדיגטער פערזאָן זיינען געווען פּינקטליך אויסגערעכענט אלע זיינע מעשים, און ביי יעדען אינקרימינירענדען פאַקט, (דער ועד פון תל אביב, ועד משפט השלום, מרכז המורים, קאָנגרעס דעלעגאַ־

טען, א. ז. וו.) זיינען געווען מיט גרויס פינקטליכקייט אויסגערע־
כענט אלע פערזאנען, וועלכע האבען אין דעם אנטיילגענומען. עס
איז אין דעם קענטיג געווען אן אייגענע האנט, וואס איז יאהרען
לאנג בעקאנט מיט אלע ענינים.

עס איז דא נאך א בעווייז, אז עס איז געווען יד ישראל באמצע.
די גוים זיינען זיך תמיד נוהג ארויף צוווארפען אויף כל ישראל די
עברות פון יעדען אידען; אבערהויפט פערשטעהען ניט די גוים,
וואס הייסט עס אידען ניט ציוניסטען און דערצו נאך די אידען פון
ארץ ישראל. נור צווישען אידען קאן מען הערען די מיינונג, אז דאס
אידישע פאלק זוכט גאר ניט פאר זיך א היים אין ארץ ישראל. און
מגלגלים זכות זיין על ידי זכאי. די אידישע מיטארבייטער פון בהא־
אדין האט געלונגען פועל זיין ביי איהם און ביי דזשעמאל פאשא,
אז די אידען פון ארץ ישראל זיינען ניט שולדיג אין קיין ציוניסטי־
אונטערנעהמונג. מען ברויכט נאר בעזייטיגען עטליכע צעהנדליג
ציוניסטישע עסקנים, וועט אלעס זיין רוהיג, און די פאלעסטינער
אידען וועלען אויך זיין צופריעדען דערמיט. ווי עס שיינט איז דער
פלאן זעהר גוט געפעלען דזשעמאל פאשא. צו וואס זאל ער אין
אזא צייט אויפרייצען א גאנצע בעפעלקערונג, ווען ער קען זיין
ציעל ערייכען דורך דער בעשטראפונג פון א קליינער גרופע מענ־
שען, וועלכע זיינען נאך דערצו אונטערטאנען פון פיינדליכע מדינות,
געגען זיי קאן ער איינפאך מאכען א פאליטישען פראצעס, דורך
דעם וועט זיין אן אויסרייד זיי ניט אנצונעהמען אלס טערקישע
אונטערטאנען, און אלס פרעמדע וועט ער זיי ארויסשיקען פון לאנד.

אום צו פארבערייטען דעם אידישען עולם ער זאל זיך באמת
אפשאקלען פון די ציוניסטען, איז ארויס געגעבען געווארען דער גע־
וויסער בעפעהל, אז פאר ציוניסטישע מארקעס (סטעמפס) און
ציוניסטישע געלד צייכען קומט א טויט שטראף. דאס האט ארויפ־
געווארפען אזא מורא אויף די אידען, איבערהויפט אויף די עלטערע
לייט, אז אין ירושלים האבען אידען מיט אייגענע הענט אראפגע־
ריסען די מגן־דוד'ס פון די פרוכת און אין די קאלאניען האבען
פיעלע צוריסען הערצל'ס בילדער. נאך אזא בהלה איז ערשיענען אלס
א ישועה די געוויסע ערקלעהרונג פון בהא־אדין, אז אלע אידען

זיינען ניט אין חשד און ווערען גערעכענט פאר גוטע בירגער, נור די ביסעל ציוניסטען זיינען די שונאים פון דער מלוכה און מיט זיי וועט מען זיך בעגעהן זעהר שטרענג. אז מען האָט די מודעה גע־בראכט אין דער רעדאַקציאָן פון „החרות'' צו פערעפענטליכען, האָט זי באלד געפיהלט אז דאָס איז א בזיון פאר דעם גאנצען יו־דענטהום פון א"י, און האָט געפרופט אָפּנארען דעם פּריץ אפּדרוקען עס פון יוצא וועגען אין א הוספה צום החרות, און די הוספה ניט צו שיקען דעם עולם. גוטע אידען האָבען אבער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם קונץ, און בהא־אדין האָט בעפעהלען, מען זאָל עס דרוקען אין דער צייטונג. אין דער זעלבער צייט איז שוין געווען אָרגאניזירט א דעלעגאַציע פון א חשוב'ן רבי מיט נאָך עטליכע בעלי בתים חשובים, חברים פון ועד הכללי, וועלכע איז געגאַנגען צו בהא־אדין אָפּדאַנקען אין נאָמען פון אלע אידען פאר די גוטע ווערטער פון זיין מודעה בנוגע צו כלל ישראל (אויסער די ציוניסטען). דער מתורגמן (איבערזעצער) ביי דער דעלעגאַציאָן איז טאַקע געווען דערזעלבער אידישער סעקרעטאַר.—

אלזאָ דער פּלאַן און די טאַקטיק פון דער מלחמה „ניט געגען די אידען נאָר געגען די ציוניסטען'' זיינען געווען אויסגעארבייט מיט דער דירעקטער און אינדירעקטער מיט הילפע פון אונזערע אייגענע ברידער.

י) דער קרימינאַל פּראָצעס פון די ציוניסטען אין ארץ ישראל 1915.

די ערשטע האָט מען ארעסטירט מאני שוחט (געבאָרען ווילבו־שעוויטש). ווי עס שיינט, איז דיזער ארעסט געווען אין צוזאַמענ־האַנג מיט דער פראגע וועגען די אידישע שומרים; מען האָט זייערע נעמען געפונען אין די האנדעלס ביכער ביי א יפו'ער סוחר, וואָס האָט פערקויפט געוועהר אין דער צייט פון קריעגס־צושטאַנד. מען האָט אבער ביי דער אויספאָרשונג געגעבען איהר פראגען וועגען דער גאנצער טהעטיגקייט פון די ציוניסטען. זי האָט ניט פערלייקענט די אלבעוואוסטע ציוניסטישע ציעלען, וועלכע עס זיינען, לויט איהר

ערקלעהרונג אין קיין פאל ניט אין געגענזאץ מיט די אינטערעסען פון טערקיי. קיין נעמען האט זי ניט אנגעגעבען. די טערקישע בעאמטע האבען פון איהר געהאט ביטערע פארווירפע. לײדער — זאגט זי — האבען מיר ביז יעצט געמוזט צייטענווייז ארבייטען מיט דער הילפע פון באקשיש, ווייל די טערקישע בעאמטע דיענען ניט ערנסט דער טערקיי; יעצט, האפען מיר, וועלען געשאפען ווערען נארמאלע פערהעלטניסע פיר דער ארבייט, וועלכע איז נוטציג און נויטיג פיר אונז און פיר אייך.

אין א פאר וואכען ארום (בערך אין מיטען פעברואר 1915) האט דזשעמאל פאשא, דער הויפט קאמאנדיר פון דער סירישער ארמעע, בעפוילען אז איינিגע און צוואנציג פון די בעוואוסטע ציוניסטען זאלען זיך פארשטעלען פאר איהם אין ירושלים. דאס זיינען געווען 15 פון יפו *) 5—6 פון די קאלאניען פון יהודה און איינিגע פון ירושלים. מיט א געמישטען געפיהל פון זעלבסט־ווירדע און־אונגעדולד האבען הונדערטער לייטע בעגלייטעט די „איינגעלאדענע", ווען זיי זיינען דורכגעפאהרען אין צוג דורך תל־אביב. אלזא, די רעגיערונג האט זיך מיט אונז פעראינטערעסירט; ביז אהער האט מען דאך אונז קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשיינקט: עפעס א גרופע אימיגראנטען; יעצט זיינען מיר געווארען א פאליטישער פאקטאר. אבער מיט וואס וועט זיך די זאך ענדיגען? ריכטיגער געזאגט, וואס הייבט זיך דא אן?

אין ירושלים האט מען די לייטע געבראכט דירעקט צו דזשעמאל פאשא. ער האט זיי שטרענג אנגעקוקט און געזאגט גאנץ קורץ: „זייט בערייט, מיט 10 טעג שפעטער שיק איך אייך אוועק נאך קאנסטאנטינאפאל", און דערמיט האט זיך די אודיענץ געענדיגט.**)

---

*) צווישען זיי אויך איינער א טערק, ענווער־ביי דער לעהרער פון טערקיש אין גימנאזיע.

**) דער טירקישער לעהרער פון גימנאזיום האט געוואגט צו ענטפערען איהם, האט ער איהם באלד ארעסטירט און נאכהער אוועקגעשיקט אין קאנסטאנטינאפאל.

די לייטע האָבען געשיקט אַ ביטע צו דזשעמאַל פּאַשאַ ער זאָל אויפנעהמען צוויי לייטע פון זיי, ער זאָל זיי ערקלערען, אין וואָס בע־שטעהט זייער שולד, און זאָל פּיעלייכט הערען זייער אַנטוואָרט. ער האָט צוגעשטימט אויפנעמען נאָר איינעם, ענתבי. נאָך אַ שטונ־דיגער אונטעררעדונג האט דזשעמאַל פאַשאַ בעפוילען, דאס אנ־שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל זאָלען די לייטע אויף אַ פּאָר וואָכען ארויספאָהרען פון ירושלים'ער בעצירק; (אייגענטליך האָבען זיי געקענט יוצא זיין מיט נסיעה אין זכרון און תדרה; דאָך זיינען זיי אוועקגעפאָהרען אין חיפה און טבריה.)

מיט 10 טעג שפּעטער האָט די יפו'ער רעגיערונג „איינגעלאַ־דען" צו זיך אַנדערע זיבען לייטע פון די ציוניסטען; צופעליג אָדער ניט, אבער דאָס זיינען געווען די, וועלכע עס זיינען אויף דעם לעצטען קאָנגרעס געפאָהרען אלס דעלעגאַטען פון א"י. דיעזעס מאָל האָב איך שוין אויך געהאַט די עהרע צו זיין איינער פון די „איינגעלאַדענע." אין בעגלייטונג פון העבערע מיליטערישע און בירגערליכע בעאַמטע האָט מען אונז געבראַכט צוריק אין תל־אביב; דאָרט האָבען אונז שוין ערוואַרטעט אייניגע צעהנדליג זשאַנדאַר־מען; מען האָט אונז אוועקגעפיהרט יעדען צו זיין הויז און מען האָט ביי זיי געמאַכט ערנסטע אונטערזוכונגען. אַלע פּאַפּירען און דאָ־קומענטען, בראָשורען און בילדער, וועלכע עס האָבען געשיינט צו האָבען אַ שייכות מיט ציוניזם, האָט מען צוגענומען און אוועקגע־פיהרט מיט אונז צוזאַמען אין מיליטער אמט.

אויף תל־אביב איז געפאַלען אַ אימה: מען האָט געגלויבט אַז היינטיגעס מאָל פיהרט מען אונז הייגנגען. עס זיינען באַלד אוועק־געשיקט געוואָרען טעלעגראַמען וועגען דעם צופאַל אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל און אויסלאַנד.

מיר, די ארעסטירטע, זיינען זיך דערוויל געזעסען גאַנץ רוהיג איינגעשפּאַרט אין איינעם פון די מיליטער אָפּיסעס; מיט אייניגע שטונדען שפּעטער האָט מען אונז אריבערגעפיהרט דאָרט אין אויפ־נאהם האָלל, און אונזערע בעקאַנטע האָבען אונז שוין געקענט בעזור־כען. ביי נאַכט האָט מען אונז אוועקגעפיהרט אין הויז פון פראנצוי־זישען האָספּיטאַל, וואו מען האָט אונז אָפּגעגעבען אַ גרויסען האָלל,

מיט גוטע ווייכע און ריינע בעטען, מיט זעהר העפליכער בעדיע־נונג. (איינעם פון אונז האט מען ביי טאג פערגעסען צונעה־מען פון תל־אביב; ערשט שפעט ביי נאכט האבען זיך די בעאמטע דערמאנט און געבראכט איהם אויך צו אונז אין האספיטאל.)

אויף מארגען אין אבענד האט מען אונז גערופען צו דער אויס־פארשונג. דעם ערשטען מאל האט מען געפרובט פאדערען פון אונז מיט בייזען, מיר זאלען ארויסגעבען אונזערע סודות, און זאגען ווער זיינען אין א״י אונזערע פיהרער, זאנסט וועט מען זיך מיט אונז זעהר שלעכט בעגעהן. מיר האבען געענטפערט מיט שטאלץ, דאס מען האט קיין רעכט אונז חושד צו זיין אין ליגען, מיר האבען קיינע סודות, מיר זיינען אליין די פיהרער. געענדיגט האט זיך מיט דער פאדערונג, אז מען זאל ברייננגען די פאהנע פון דער העברעאישער גימנאזיום. זיי האבען געפונען א פאטאגראפישע בילד פון א גרופע גימנאזיסטען אונטער א פאהנע מיט העברעאישע אויפשריפטען. מעשה שטן זיינען אבער צו דער צייט אין גימנאזיום געווען גאנץ איינפאכע פלאגען; דר. מוסינזאהן האט געמוזט געהן ביי נאכט אפזוכען ערגעץ אין גימנאזיום אן אלטען צוריסענעם פלאג מיט אויפשריפטען. דער פראקוראר האט געזעהען, אז ער האט דא גאר־נישט ענטדעקט. אין די דאקומענטען האט ער אויך, ווי עס ווייזט אויס, קיינע געפעהרליכע זאכען ניט געפונען. אין איינינע טעג ארום האט מען אונז געהייסען פאהרען אין ירושלים, וואוהין מען האט אריבערגעפיהרט אונזער פראצעס.

אין דער בעגלייטונג פון א פאליסמאן זיינען מיר געגאנגען צום באהנהאף. אונזערע פאמיליען און הונדערטער אנדערע אידען האבען אונז בעגלייטעט; די שיללער פון גימנאזיום און אלע איינ־וואהנער פון תל אביב האבען בעגריסט דעם צוג, ווען ער איז דארט פערביי געפאהרען. אז מיר זיינען געקומען אין ירושלים האט דער פאליסמאן אונז אוועק געפיהרט צו פאלים אמט, נאר דארט האט מען אויף איהם גוט געשריען, ווארום ער האט אונז אזוי פיעל בעמיהט, און מען האט אונז געהייסען געהן אין האטעל און זיין צו הויזע בערייט צו יעדען מאמענט, וואס מען וועט אונז רופען צו דער אויס־פארשונג.

מיר האָבּען געהאַט גענוג צייט אויף שאַך־שפּיעלען, אויף אראַ־ביש לערנען, אויף מאַכען בּעזוכע און אויף אויפנעהמען געסט בּיי זיך און אפילו אויף אסיפות וועגען ציוניסטישע און אלגעמיינע אינ־טערעסען. יעדען טאָג פלעגט מען רופען נאָר איינעם אָדער צוויי פון אונז צו דער אויספאָרשונג אויף אַ שטונדע צייט בּערך.

מיר האָבּען דעם חוקר דין געגעבּען זעהר גוטע לעקציאָנען אי־בּער דער געשיכטע פון ציוניזם, איבּער די קאָנגרעסען און איבּער אַלע אונזערע אינסטיטוציאָנען: גאולה, תל־אביב, משפט השלום, א. ז. וו. עס איז געווען א איד, דער איבּערזעצער פון טערקיש אין העבּרעאיש און פאַרקעהרט. אונזער אָפענהייט, רוהיגקייט און מוטה האָבּען, ווי עס שיינט, זעהר גוט געווירקט אויף דעם חוקר דין. נאָך צעהן טעג פון אונזער זיין אין ירושלים האָט ער אונז ערלויבּט אומ־קעהרען זיך פריי אין יפו. עס איז ניט געווען בּיי וואָס אַנטשעפּען זיך. ער האָט אונז זאָגאָר אָפּגעגעבּען אַלע ארעסטירטע פאַפּירען. דאָך האָט דער חוקר דין געזאָגט, אז ער איז איבּערצייגט, דאָס דער ציוניזם איז שעדליך דער טערקישער מלוכה, און אזוי וועט ער אויך מעלדען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דאָנעגען האָט מען דערצעהלט אלס פאַקט, אז דזשעמאַל פּאשא, וועלכער עס האָט זיך צו יענער צייט אומגעקעהרט פון דער סועץ עקספּעדיציע, האָט ערהאַלטען א טעלעגראַמע פון קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל, מען זאָל אונז ניט פערהאַלטען.

דיא בּעסטע טהיילען פון דער אידישער בּעפעלקערונג האָבּען די גאַנצע צייט ניט געשוויגען. אין יפו האָבּען הונדערטער אידען, איבּערהויפּט פון די בּעלי מלאכות, געוואָלט געהן צו דער רעגיערונג און מעלדען, אז זיי זיינען די זעלבּע פערבּרעכער ווי די ארעסטירטע ציוניסטען; מען האָט זיי קוים איינגעהאַלטען פון דעם שריט, פיע־לייכט וועט די אויספאָרשונג ארוים ניט שלעכט. אין ירושלים האָבּען די פאָרשטעהער פון דער ספרדישער געמיינדע מיט דעם חכם בּשי בּראש דערלאַנגט דער רעגיערונג א שריפטליכען פּראָטעסט וועגען דער בּעשולדיגונג געגען אידען, וועגען די רדיפות געגען ציוניזם בּפרט און אויך וועגען דעם, וואָס עס איז אויף א געוויסער צייט

פערבאָטען געוואָרען צו בענוצען זיך מיט דער העברעאישער שפראך אין דער קאָררעספּאָנדענץ דורך דער פּאָסט.

אין דער זעלבער צייט, וואס מען האָט אונז געהאלטען אין ירושלים, האָט מען דאָרט ארעסטירט צוויי פון די פּועלי ציון, בן צבי און בן גוריון. זיי האָבען געגעבען ערקלערונגען מכח זייער פּארטיי־ארבייט, און מען האט זיי בעפרייעט.

ג'מל פּאשא האָט אָבער אין קיין פאל ניט געוואָלט בעפרייען מאַניע ווילבושעוויטש און ניט איהר מאַן, ישראל שוחט, ווי אויך הערר יהושע חנקין. די לעצטע צוויי זיינען אייגענטליך געווען צווישען די ערשטע 25, נאָר זיי זיינען געקומען שפּעטער, נאָך דעם ווי דזשעמאל פּאשאָ איז שוין אוועק צום זועץ, עס האט געהייסען, אז זיי דארפען נאָר ווארטען ביז ער וועט זיך אומקעהרען, דאָך זיינען זיי נאָך זיין קומען אויך געבליבען ארעסטירט. מיט זיי צוזאמען איז ארעסטירט געווען דער איינציגער פון אלע ירושלים'ער ציוניסטען, א יונגער מענש דער מנהל פון בית־עם (טאַנבעי־האַלל.)

א פּאָר וואָכען נאָך אונזער בעפרייאונג האָט דזשעמאל פּאשאָ בעפאָהלען, מען זאל מאַני ווילבושעוויטש, איהר מאַן שוחט און הערר חנקין אוועקשיקען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. (מאַני ווילבושע־וויטש איז פריהער געשטאנען פיר א קריעגסגעריכט אין דמשק און איז ניט אַנערקענט געווארען אלס זעהר גרויסע פערברעכערין.) כמעט אין דער זעלבער צייט האָט מען ארויסגעשיקט פון לאנד דר. מוסינזאהן, די אויבענגענאַנטע צוויי פּועלי ציון און דעם מנהל פון בית עם. דאס איז געווען באלד נאָך דעם, וואָס דזשעמאל פּאשאָ האט ערב פּורים בעזוכט תל־אביב און האָט געהאט זעהר א פריינדליכען געשפּרעך מיט די ציוניסטישע פארשטעהער אין גימנאַזיום. און נאָך דעם ווי ער האָט ארויסגעגעבען א טעלעגראפישע ערקלעהרונג. אין גאַנץ סיריען, אז ער האָט זיך איבערצייגט אין דער איבערגעבענהייט פון די אידען, און אז די וועלכע עס וועלען פערשפּרייטען שלעכטע ידיעות וועגע אידען וועלען שטארק בעשטראפט ווערען.

צו דער צייט פון דעם פּראָצעס אין ירושלים איז אין יפו פּאָר־

געקומען א פאקט, וועלכער איז געבליבען ווייניג בעקאנט דעם ברייטען פובליקום אין ארץ ישראל. ער האט אבער געמאכט א גרויסען טומעל אין דער וועלט. דער בעוואוסטער יפו'ער קאמענדאנט, האט באלד ווי דער קריעג האט אויסגעבראכען, מחבר געווען א בראשורא פון דער הייליגער קריעג (ג'יהאד); ער האט דארט געשריבען, אז עס איז א מצוה, דאס יעדער גלויביגער מוסולמאנער זאל טויטען אייניגע אונגלויביגע (אידען און קריסטען). ווי עס שיינט, איז ער די גאנצע צייט געווען צו פיעל בעשעפטיגט מיט רעקוויזיציאן; יעצט, אז די טערקישע ארמעע איז אוועק צום סועץ, האט ער זיך אומגעקעהרט צו זיין „ליטעראררישער'' ארבייט און האט אבגעגעבען די בראשורע אין דרוק. די אידען האבען זיך דערפון דערוואוסט, און מען האט געמעלדעט אין קאנסטאנטינאפאל; פון מצרים האט מען געשיקט די בעוואוסטע טעלעגראמע אין אמעריקא. אין דער זעלבער צייט האבען זיך די קריסטען און די אידען געווענדעט צו דער רעגיערונג אין ירושלים. דזשעמאל פאשא, וואס האט בעמערקט צו דער צייט, אז די אראבער זיינען ניט גאר העלדיש געגען דעם שונא, האט יעצט, ווי עס ווייזט אויס, געפינען פאר איבעריג אויפצורייצען זיי געגען דער פריעדליכער בעפעלקערונג.

נאך דעם אלעמען האבען מיר געדיינקט, אז דאמיט האבען זיך געענדיגט אלע פערפאלגונגען געגען די ציוניסטישע כלל טהוער. פלוצים איז אין מאנאט מאי ווידער ארויסגעגעבען געווארען א בעפעהל פון ג'מל פאשא, אז מען זאל 50 אידען, די פארשטעהער פון פערשיעדענע ציוניסטישע אינסטיטוציאנען און ארגאניזאציאנען, ניט אננעהמען אלס טערקישע אונטערטהענער, און פאלגליך דארפען זיי ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד אלס רוסישע אונטערטהענער.

ווידער א דעפוטאציע צו דזשעמאל פאשא. ער האט באלד צוגעשטימט, אז די אלטע לייטע זאל מען ניט שעפען. נאכהער האט מען אויך אויסגעווירקט עס זאלען פערבלייבען די לעהרער (אויסער דעם פארזיצענדען פון לעהרער פערבאנד, דר. לוריע), אויך אלע חברים פון ועד תל־אביב און נאך אייניגע וואס האבען זיך בענוצט מיט פריוואט שתדלנות. די גזרה איז פערבליבען נאר אויף צעהן

מענשען. דורך וויטערע שתדלנות וואָלט מען פיעלייכט זיי אויך בע־פרייעט. נאָר צו יענער צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען א פּאָליטישער פּראָצעס געגען 150 פון די אָנגעזעהנסטע אראבער אין סיריען און עלף פון זיי האָט מען געהאַנגען. נאָך דעם האָט מען ניט געקענט פאַרטזעצען די השתדלות, אז מען זאָל חלילה נישט ארויסשיקען צעהן ציוניסטען אלס פרעמדע אונטערטהענער.

אלזאָ, אייניגע פון די 10 זיינען אוועקגעפאָהרען. די איבריגע האָבען בענוצט „היימישע" מיטעל: די טעג וואָס די שיף פלעגט קומען, זיינען זיי ניט געווען אין שטאָדט און די פּאָליציי האָט נישט געפונען פאַר נויטהיג זוכען זיי. ענדע אוגוסט איז אָנגעקומען א בעפעהל פון ג'מל פּאַשאַ, מען זאָל אונז ארעסטירען ביז די שיף וועט קומען. יעצט האָט מען אונז געהאַלטען אין א בעזונדער הויז אין תל־אביב, אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי. דריי מאָל א טאָג פלעגען מיר געהן צו הויזע עסען, און אלעמען איז ערלויבט געווען אונז צו בעזוכען. אין דער זעלבער צייט האָבען מיר געהאַט א ידיעה פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אז מען זאָל אונז ניט ארויסשיקען. מע האָט געקענט אויסווירקען די אמעריקאַנישע שיף זאָל ניט קומען אין יפו ביז עס וועט ניט אָנקומען דער בעפעהל וועגען אונזער בע־פרייאונג. אבער אין יפו האָבען זיך געפונען אייניגע הונדערט אידען, וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט עותומאַניזירען און האָבען אליין גע־וואָלט אוועקפאָהרען פון א"י. זיי זיינען געווען ארעסטירט שטרענ־גער פון אונז, און האבען געליטען פון שלעכטע עקאָנאָמישע און אונהיגיענישע בעדינגונגען. אָט די אידען פלעגען קומען קלאָגען אויף אונזער קאָפּ און שרייען, אז איבער דעם, וואָס מיר ווילען ניט אוועק־פאָהרען, מוזען זיי ליידען. מיר האָבען געמוזט אליין בעטען, אז די אמעריקאַנישע שיף זאָל קומען (20טען סעפּטעמבער 1915). ערשט דאַן, אז מיר, די ארויסגעשיקטע ציוניסטען מיט אונזערע פאמיליען זיינען ארויף אויפ'ן שיף, האָט מען ערלויבט די איבעריגע אידען איינשיפען זיך.

יא) פערשיעדענע פּראָצעסען.

צו די רדיפות געגען די ציוניסטען, דארף מאן צורעכענען די פּראָצעסען געגען ציוניסטישע שריפטען און צייטונגען.

פאר אן ארטיקעל וועגען דעם בעוואוסטען דאָנערשטאג האט מען אָפּגעשטעלט די צייטונג „הפּועל הצעיר”, און דעם פעראנטווארטליכען ארויסגעבער האָט מען בעשטראפט מיט 250 דאלאר און א יאהר תפיסה. מר. לונץ, פאר דער אמאָליגער ארויסגאבע פון „כנור ציון”, דריי חדשים תפיסה אָדער געלד שטראף. די צייטונג „האחדות”, פון די פּעלי ציון, האָט מען אויך אָפּגעשטעלט און דעם ארויסגעבער בעשטראפט. פאר דעם ערשטען זאמעלבוך „בין המצרים”, האָט מען דעם ארויסגעבער זרובבל גע׳משפּט צו א יאהר תפיסה אָדער שטראף. די אלע משפּטים זיינען פאקטיש פערלייכטערט געווארען אדער גאָר אפּגעשאפט געוואָרען, דער „הפּועל הצעיר” האט זאָגאר נאכהער ווידער אָנגעהויבען ערשיינען. נאָר פאר דעם צווייטען זאמעלבוך „בין המצרים” האט מען זרובבל שוין שטרענגער בעשולדיגט אין העצונג געגען דער רעגיערונג או מען האָט איהם פערמשפּט אויף צוויי יאהר פעסטונג. *) מען האָט איהם אַבער ניט באַלד ארעסטירט, און ער איז אוועק געפאָהרען פון לאנד.

עס זיינען צו דערזעלבער צייט געווען צוויי פּריוואַט פּראָצעסען, וועלכע עס האָבען דאָך אן אלגעמיינעם כאַראַקטער, ווייל דאָס זיינען אַלטע, כמעט פערגעסענע פּראָצעסען — אן אַמאָליגער צוזאמענשטויס מיט אראבער, וועלכען די אָרטליכע בעאַמטע האָבען יעצט בכיון אויסגעגריבעלט, איינעם געגען א חשוב׳ען קאָלאָניסט און איינעם געגען דר. בוגרטשוב. ביידע פּראָצעסען האָט מען צוגעגעבען אן ערנסטען כאַראַקטער. עס זיינען אויך געווען פאלשע עדות, עס האט געשמעקט מיט אַ פּאָר יאהר פעסטונג. די ביידע לייטע האָבען

*) דער פּראָצעס איז פארגעקומען ווען איך בין שוין געווען אין אויסלאנד, עס איז אסברא, אז די שטראפע איז געווען שטרענגער, ד. ה. לעבענסלענגליכע פעסטונג.

געפונען פאר פראקטישער צו פערלאזען דאס לאנד. נאך דער מלחמה וועט זיין לייכטער צו בעווייזען דעם אמת און זיי וועלען געווים פריי זיין פון שטראף.

עס איז נאך אויפגעוועקט געווארען א פראצעס געגען איינינע בעאמטע פון דער ציוניסטישער צענטראל ביורא אין פאלעסטינא (פאלעסטינא־אמט) דערפאר, וואס זיי האבען מיט א פאר יאהר פריהער פערקויפט סטעמפעס פון נאציאנאל פאנד. לויט די לעצטע נאכריכטען איז פון דיעזען פראצעס גאר נישט געווארען.

די רעגיערונג האט בכלל געשטעלט א פאדערונג, אז אן דער שפיצע פון דעם ציוניסטישען פאלעסטינא אמט אין יפו זאל שטעהן א טערקישער אונטערטהאנער, אום די רעגירונג זאל האבען די מעגליכקייט צו קאנטראלירען די געלדער וועלכע געהען דארט דורך אין זעהר גרויסע סומען פאר רעליעף און פאר פריוואט לייט. דער דירעקטאר פון פאליסטינא אמט, דר. רופין, וועלכער איז א דייטשער אונטערטהאנער און האט ניט געוואלט זיך עותומאניזירען, האט זיך געמוזט אפיציעל ענטזאגען פון זיין אמט; זיין געהילפע, דר. טהאן, איז געווארען א טערקישער אונטערטהאן, און דאמיט האט זיך די פראגע געענדיגט. דער פאקטישער פיהרער פון אמט איז יעצט אויך דר. רופין.

עס איז געווען נאך איין כאראקטעריסטישער פראצעס גראדע געגען א אנטי־ציוניסט. איינער, אן אמעריקאנער אונטערטהאן האט געזאמעלט אין אייראפא און אין פאלעסטינא ביז 60 קאסטען זעלטענע ביכער און אלטע זילבער געשיר פון רעליגיעזען כאראקטער פאר דער ביבליאטהעק אין וואשינגטאן. גראדע אין דער מלחמה צייט האט ער געוואלט ארויספיהרען דאס פון לאנד, און אז די רעגיערונג האט געקוקט דארויף מיט חשד און געשטעלט איהם שוועריגקייטען, האט ער געפאדערט פון דער רעגיערונג שאדענערזאץ צעהנדליגע טויזענד דאללאר. דאן האט די רעגיערונג געמאכט כלומר'שט א שטרייענגע צענזור אויף די ביכער, מען האט דארט געפונען ביכער מיט ציוניסטישער טענדענץ און געגען דער טערקיי,

מען האָט דאָס איבערגעגעבן צום קריעגסגעריכט וועלכער האָט גע׳משפט, אז דער אַמעריקאַנער אונטערטהאַן מוז פערלאָזען דאָס לאַנד.

עס איז אויסגעקומען גאַנץ קאָמיש, אז דער ציוניסטען פרע־סער האָט נעבאַך געמוזט א וואָך צייט זיצען מיט אונז צוזאַמען אונטער דער שמירה אין תל־אביב און ארויסגעשיקט ווערען פון ארץ ישראל מיט אונז אויף איין שיף אלס ציוניסט. דערזעלבער קאָ־מישער צופאַל איז געווען מיט נאָך איינעם, אן אַלטער געגנער פון די ציוניסטישע כלל טהוער אין א״י, וועלכער עס פלעגט נאָך אין די צייטען פון די חובבי ציון דערצעהלען דעם פּריץ, דעם רוסישען קאָנסיל, ניט גאָר שעהנע מעשות אויף דעם אדעסער פּאַלעסטינאַ קאָמיטעט. על פּי טעות האָט מען זיין נאָמען אריין געשטעלט אין דעם צעטעל פון די ציוניסטען וואָס דארפען ארויסגעשיקט ווערען (אנטשאַט אייעגם א פּועל ציון מיט דעם זעלבען נאָמען, וואָס מען האָט ניט געקענט אַבזוכען). דער האָט אויך נעבאַך געמוזט זיצען איבער א וואָך און אוועק פאָהרען מיט אונז צוזאַמען. צרות מאַכען נאָהענט. נאָר אין דעם פאַל זיינען אונזערע צרות, ווי עס שיינט, ניט געווען אזוי שטאַרק און האָבען ניט פעראייניגט מיט אונז די הער־צער פון די צוויי געגנער. אז מיר זיינען צוזאַמען געקומען אין עגיפּ־טען, האָבען זיך די צוויי „ניט גאָר געהיט מיט ווערטער,״ זיי האָבען חלילה ניט גע׳מסר׳ט, נאָר די ענגלישע בעאַמטע האָבען מאיזה טעם אין זייערע ווערטער א טעות געהאַט און געגלויבט, אז אייניגע פון די ציוניסטישע פיהרער זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען פון דער טירקיי ניט אלס איהרע געגנער, נאר אלס איהרע פריינד, פּראַסט גערעדט, צו שפּיאָנירען פאר דער טירקיי אין עגיפּטען. עס איז געווען א גליק, וואָס צווישען די ענגלישע דעטעקטיווס זיינען אויך געווען אייניגע פּאַלעסטינער אידען, וואָס האָבען אויף אונז עדות גע־זאָגט, זאָנסט וואָלטען מיר געהאַט פיעל טראָבעל.

יעדער טראַגעדיע ענטהאַלט אין זיך א געוויסען טהייל קאָ־מיזם. אין דער טראַגעשיר צייט, וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט אין ארץ ישראל, אין דער מלחמה צייט זיינען געווען זעהר פיעל קאָ־

מישע מאָמענטען. עס איז יעצט ניט אין קאָפּ אַלעס צו דערצעהלען. אין בעסערע צייטען וועלען מיר דערצעהלען די פאַקטען פון די טערקישע פערפאָלגונגען, וועלכע האָבען אונז צייטענווייס, אין די ביטערסטע מאָמענטען, דערמאָנט אָן דעם אידישען גזלן, וועלכער ענדיגט מיט א שמעק טאַבאַק.

ערשט דאן, אז דער אמעריקאַנער קרייצער „טשעסטער" האָט אונז געבראַכט בשלום ובכבוד פון דער ווילדער אזיע אין עגיפּטען, ווען פאר אונז האָט זיך געעפענט די וועלט, און מיר האָבען אין די צייטונגען געלעזען, וואָס אונזערע אומגליקליכע ברי־דער האָבען אריבער געלעבט אין אנדערע מלחמה לענדער אין אייראָפּא, ערשט דאן האָבען מיר ריכטיג פערשטאַנען וואָס הייסט צרות, ערשט דאן האָבען מיר פערשטאַנען, אז מיר האָבען געלעבט אין ארץ ישראל. ניט אומזיסט האָבען פיעלע פון די פּאַלעסטינער אנטלאָפענע אידען, וואָס מיר האָבען געפונען אין עגיפּטען, געזאָגט אונז מיט א זיפץ: „אַפור אויב עס האט געלוינט אנטלויפען פון דער היים."

יב) די ידיעות פון לעצטען יאהר.

נאָך אונזער אוועקפאהרען זיינען נור צוויי מאָל געקומען אמע־ריקאַנישע שיפען און אוועקגעפיהרט פון ארץ ישראל די פרעמדע פיינדליכע אונטערטהאַנען. צווישען זיי די לעצטע איינציגע הונדערט אידען, וואָס האָבען ניט געוואָלט ווערען טערקישע אונטערטהאַנען. באלד ווי דער ציוניסטישער פּראָצעס און די פראגע פון דער אונטער־טהאַנשאַפט האָבען זיך געענדיגט, איז די פּאָליטישע לאַגע פון די אידען אין ארץ ישראל געווארען גאַנץ רוהיג.

דר. רופּין איז בעאויפטראגט געווארען פון דזשעמאַל פּאַשאַ. ער זאָל אונטערזוכען די סאָציאַל-עקאָנאָמישע לאַגע אין סיריען און פּאַלעסטינא. ער האָט איהם בעפאָלמעכטיגט צו בעזוכען די וויכ־טיגסטע סירישע שטעדט אין בעגלייטונג פון זיין סעקרעטאַריאַט, אום צו געבען א בעריכט וועגען די מיטעל אויסצובעסערען די עקאָ־

נאָמישע לאגע. דער אינזשעניר ווילבשעוויטש (ברודער פון מאַנע ווילבושעוויטש), איז בעאויפטראגט געווארען דורכצופיהרען די פערשעהנערונג פון די גאסען און בולווארען אין פערשיעדענע שטעדט אין פאלעסטינא און סיריען. בצלאל יפה איז בעשטימט געוואָרען אין דער שטאָדט יפו צו רעגולירען דעם פערקויף פון תבואה און ברויט, עס זאָל ניט זיין קיין שעדליכע ספעקולאציאן. איינינע יונגע אידישע אינזשענירען האָבען בעקומען שטעלעס ביי דער אייזענבאהן און שטראסענבוי, און אנדערע אידישע יונגע לייט האָבען בעקומען פערשיעדענע רעגיערונג שטעלען.

די ערטליכע בעאַמטע האָבען געפּרובט אויפוועקען א פּראָצעס געגען די בעאַמטע פון דעם אידישען באנק, דערפאר וואָס זיי מאַכען באַנק געשעפטען אין דער צייט וואָס די באנק איז אָפיציעל געשלאָסען. די העכערע רעגיערונג האָט דעם פּראָצעס ניט אנער־קענט. פערקעהרט עס איז ערלויבט געווארען צו פערענדיגען געוויסע באַנק געשעפטען.

די רעקוויזיציאָן פאר דער ארמעע איז אין לעצטען יאהר קלע־נער געווארען. פאר דעם וואָס די רעגיערונג האָט פריער גענומען גיט זי ארויס רעסיטס און נעהמט אָן די רעסיטס אין רעכענונג ביי די אב־צאָהלונגען פון די רעגירונגס טעקסעס. עס זיינען שוין אויך געוועןן צופעלע וואָס די רעגיערונג האָט מיט מזומן געלט געצאָהלט אַ טהייל פון דער פריהערער רעקוויזיציאָן. דער קאָלאָניע ראשון איז ערלויבט געווארען נעהמען אין בעזיץ און פערפלאנצען דעם גרויסען שטיק באדען (בערך 20 קווער מייל) פון דער קאָלאָניע ביז דעם ברעג ים. (דרך אגב, דארט קאן מען אויסבויען א שטאָדט צעהן מאל גרעסער ווי תל־אביב.)

אין מערץ מאָנאַט האָט זיך געענדערט דאס יאהר, וואָס די נייע טערקישע אונטערטהאַנען זיינען פריי געווארען פון מיליטער דיענסט. יעצט מוזען זיי אַלע פון 21 ביז 45 יאהר געהן אין מיליטער דיענסט אָדער בעצאהלען יעדערער 250 דאָלאר. עס זיינען אָבער פריי פון דיענסט: רבנים, שוחטים, חזנים, שמשים, (איינינע פון

יעדער געמיינדע), עס זיינען אויך בעפרייט אלע די, וועלכע עס אר־בייטען ביי אונטערנעהמונגען וואס געהערען צו דער מלחמה. (צום בייששפיעל אין קאלאניע חדרה זיינען אלע 65 דיענסט פליכטיגע בעפרייט, ווייל זיי פיהרען האלץ, וואס זיי האבען פערקויפט פון זייער וואלד צו דער באהן.) די תלמידים פון בצלאל האט מען ער־לויבט פערבלייבען אין ירושלים צו רייניגען די גאסען און דערביי לערנען געוויסע שטונדען אין שולע. די עלטערע שילער פון גימנאזיום און לעהרער־סעמינאר זיינען אריין אין א מיליטער שולע, און נאך 6 מאנאטען וועלען זיי געהן אין דיענסט אלס אפיציערען. עס איז א גרויסע סברא — מען ווייס דאס אבער נאך ניט געוויס — אז די שול לעהרער זאלען בעפרייט זיין פון מיליטער דיענסט. — די קא־לאניסטען וועלען ווי עס איז אליין בעצאהלען פאר די, וועלכע עס זיינען זיי אם נויטיגסטען צו דער ארבייט. די ציוניסטישע ארגאני־זאציאן אבער וועט מוזען בעצאהלען פאר די נויטיגסטע לעהרער, וועלכע עס קענען אליין ניט בעצאהלען און האבען אויך קיינע פער־מעגליכע קרובים אין אויסלאנד, אויסער דעם פאר די בעסטע פארם ארבייטער אין די פארמען פון נאציאנאל פאנד.

די לעצטע אינטערעסאנטע ידיעה פון דער פאליטישער לאגע האט געבראכט מר. בלקינד, אז דזשעמאל פאשא האט געפאדערט פון די יפו'ער בעאמטע א רעפארט וועגען די ציוניסטישע פיהרער, וועלכע עס זיינען ארויסגעשיקט געווארען פון לאנד. מען דיינקט, אז דאס איז אום צו געבען זיי די ערלויבניש נאך יעצט אומצוקעהרען זיך אין ארץ ישראל. די בשורה איז אבער נאך ניט בעשטעטיגט.

די מאטעריעלע לאגע אין ארץ ישראל פאר דעם לעצטען יאהר איז בערך פאלגענדע:

די קאלאניסטען וואס בעשעפטיגען זיך מיט אקערבוי האבען ווייניג געליטען; אין יאהר פון היישעריק האבען זיי אויך ווייניג שאדען געהאט און די הכנסה איז געווען ניט קיין שלעכטע. דער לעצ־טער יאהר האט געוויזען צו זיין זייער א גראטענער. די פלאנצונ־קאלאניען האבען געהאט זעהר א שווערען יאהר: מען קאן זיך גאר

ניט פֿאַרשטעלעז, וואו האָבען זיי גענומען דעם פֿאָריגען ווינטער מיטעל אויף צו בעארבייטען די פּלאַנצונגען. פֿון די מאַנדעל גערטנער האָט מען נאָך דעם היישעריק געהאַט 40 פּראָצענט איינקונפֿטע, דיא מאַנדלען האָט מען פֿערקויפֿט אין לאַנד אויף גוטע פּרייזען, אבער פֿון די וויינגערטנער און אפּעלסינען גערטנער האָבען כמעט אלע קאָלאָניסטען קיין פּרוכט ניט געהאַט נאָך דעם היישעריק. היינט מיט וואָס האָבען זיי בעארבייט די גערטנער? ערשט צום סוף ווינטער האָט מען געשאפֿען די אויבענדערמאָנטע הלואה פֿון 60 טויזענד דאָלאר פֿאר דער אגודת הכורמים, און צום סוף זוממער 60 טויזענד דאָללאר פֿאר די ארענדזשגערטנער, די הלואה ווירד געשאַפֿען אין דייטשלאנד; ווי זיינען זיי דערווייל דורכגעקומען ווייסט מען ניט. עס איז זעהר מעגליך אַז די פּלאנצונגען האָבען טאקע געליטען פֿון דעם, וואס מען האָט זיי ניט בעארבייטען ווי עס דארף צו זיין. נאָרמאַל האָט מען געארבייט ביי די פּלאנצונגען פֿון די אַמעריקאַנער אחוזות: די סט. לואיס'ער אחוזה האָט געשיקט אַביסעל געלד און דערצו האָט זי געשאפֿען אַ היבשע הלואה דורך א האָלענדישען ציוניסטישען פֿעראיין, די אחוזה א' פֿון שיקאַגאָ האָט געשיקט רעגולער די נויטיגע סומען, און מען האָט פֿאר זיי פֿערפלאנצט העכער ווי 2000 דונאַם.

זעהר שטארק האָבען געליטען אין דעם יאהר די אידישע ארבייטער און די בעלי מלאכות. אין די פֿארמען פֿון נאַציאנאל פֿאָנד האָט מען געקענט בעשעפֿטיגען נור א קליינע טהייל ארבייטער. ביי די קאָלאָניסטען איז געווען זעהר ווייניג ארבייט. כל זמן די רעליעף געלדער פֿלעגען געהן דורך די הענט פֿון פּאלעסטינאַ אמט און דורך א קאָמיטע מיט פּראָגרעסיווע געדאנקען, — האָט מען א געוויסען טהייל פֿון די רעליעף געלדער געברויכט אויף צו שאַפֿען פּראָדוקטיווע ארבייט פֿאר די ארבייטפעהיגע. זינט די מעהרהייט פֿון דעם הילפֿס קאָמיטע אין ארץ ישראל בעשטעהט פֿון די קאָנסערוואטיווע אידען, און פֿון די ארבייטער איז כמעט גאָר ניטאָ קיין פֿארשטעהער, צוטהיילען זיי מסתמא דאָס געלט אויף נדבות, און די אידישע ארבייטער און די אָרגאניזירטע בעלי מלאכות וועלען אין קיין פֿאל ניט נעהמען נדבות. זיי האָבען געווים אין דעם משך

פון פאַריגען יאהר גוט צוגעהונגערט; מיר האָבען פון ווייטען געהערט, אז עס זיינען אנגעקומען געוואָרען החלטות צו פאַסטען א טאָג אין וואָך, און פילייכט טאקע האָבען זיי געדאַרפט פאַסטען צוויי טעג אין דער וואָך. אין די לעצטע מאָנאַטען האָט דער רעליעף קאָמיטע פערגרעסערט דעם חלק פאַר פאַלעסטינאַ ביז 30 טויזענד דאָלאַר מאָנאַטליך, אַנשטאַט פריהערע 20 טויזענד דאָלאַר; יעצט וועט מען שוין קענען אויסטהיילען א געוויסע סומע פיר ארבייטס מעגליכקייטען. דאַצו וועט קומען די אנלייהע פאַר די אראַנדזש גערטנער, וועלען שוין די ארבייטער פיללייכט אויסקומען מיט דעם שטיקעל ברויט. ארבייט און פערדיענסט איז פאַר זיי שטענדיג דאָ, נאָר עס זאָל זיין מיט וואָס צו צאָהלען.

די אידישע שולען האָבען דיעזעס יאהר בעקומען פון דעם עמויר־דזשענסי פאָנד 75 פּראָצענט פון זייער ביודזשעט. מען האָט אָבער דאָרט געמוזט פערלירען אין קורס, זאָ דאָס די לעהרער האָבען פאַקטיש בעקומען בלויז א העלפט פון זייער געהאַלט. נאָך ערגער איז די לאַגע פון די שולען, וואָס ווערען אונטערגעשטיצט פון ועד חובבי ציון. זיי זיינען ניט אריינגערעכענט אין ביודזשעט פון דעם עמוירדזשענסי פאָנד, דער ועד חובבי ציון פון אדעס קען יעצט זיי ווייניג העלפען, און די לעהרער ליידען אונגעהייער. פאַר די תלמידים וואָס זיינען פערבליבען אָהן עלטערען אין די שולען אין ארץ ישראל גיט גראָדע דער עמוירדזשענסי פאָנד די נויטיגע סומען אויף זייער ערנעהרונג.

דאָס איז אַלעס דער נייער ישוב, בערך 50 טויזענד נפשות. ער קומט ווי עס איז דורך. ער האָט דאָך אייגענע פעלדער, אייגענע גערטנער, נאַטירליכע הכנסות, נאַטירליכע פערדיענסטען, זיי זיי־נען ארבייטספעהיג, ענערגיש. פיעלע פון זיי זיינען געבליבען ביי רע־גיערונגס אונטערנעהמונגען, און די וועלכע זיינען עטוואָס אים שטאַנד העלפען דאָרט זייערע ברידער שלא בערך מעהר, ווי מען טהוט עס אירגענד וואו אנדערש. דערצו קומען נאָך די געלדער פון עמוירדזשענסי פאָנד.

שרעקליך איז אבער די לאַגע פון דעם אלטען ישוב. ניט ווייני־

גער ווי פערציג טויזענד נפשות אין די שטעדט, אלטע און שוואכע פרויען און קינדער, ניט ארבייטספעהיגע. אויב מען זאל פערצעהרען אויף יעדער נפש נור א קוואדער א וואך איז דאס שוין אויף 40 טויזענד דאלאר א מאנאט, און זיי בעקומען נאר 30 טויזענד, פון וועלכע, ווי געזאגט, מען מוז א געוויסע טהייל געבען פאר ארבייטס־מעגליכקייטען פאר די ארבייטער און בעלי מלאכות פון דעם ישוב.

היינטיגען זומער איז צוגעקומען א נייע צרה. דער פלעקען טיפוס, וואס איז געוועז אין מאנכע טהיילען פון דער ארמעע, האט זיך פערשפרייט אין די שטעדט פון ארץ ישראל צווישען די אראבער און אויך צווישען די אידען. עס ווירקט דאביי געוויס אויך דער אפגעשוואכטער פיזישער צושטאנד. עס איז נאך ערגער דאמיט, וואס כמעט אלע דאקטוירים זיינען אין מיליטער דיענסט און מעדיקאמענטען זיינען אונגעהייער טייער. דער פעראיין „הדסה" אין אמעריקא האט בעשטימט צו שיקען אין א"י דאקטוירים נוירסעס און מעדיקאמענטען. דאס וועט אבער זיין שפעטער מיט א פאר מאנאט. דערווייל לעבט מען דארט אריבער זעהר א שווערען סיזאן, איבערהויפט אין די הייסע חדשים פון סוף זומער. *)

נאך דעם אלעמען איז אין די בריעף וועלכע עס קומען פון ארץ ישראל ניטא קיין שטארקע קלאגען אויף דער לאגע, אפילו אין אזעלכע פארמען, וואס האבען געקענט דורכגעהן דורך דער צענזור. ווי עס שיינט, ווייסען שוין די דארטיגע אידען אלע אומגליקען און יסורים, וואס אונזערע ברידער טראגען אריבער אין אנדערע מלחמה לענדער. היינט אז זיי זיינען אויך אין א מלחמה לאנד, און דאך זיינען זיי זיכער מיט זייער לעבען און פערמעגען, האבען אויף זיך ניט קיין בלבו־

*) ערשט ניט לאנג האט מאן בעקומען די ערלויבניס אריין פיהרען אין יפו אויף א אמעריקאנישער שיף, די מעדאקאמענטען וואס זיינען שוין לאנג געשיקט געווארען פון אמעריקא. דער טיפוס האט אויפגעהערט, נאר עס זיינען געוועז צופעלען פון חאלירע צווישען די אראבער און אין די ארעמע אידישע קווארטאלען.

לים, ווערען בעהאנדעלט ווי גליכע מענשען און ליידען ניט מעהר און פיליכט נאך ווייניגער ווי אנדערע בירגער,ביי אזא לאגע רעכענען זיי פאר א חטא צו בעקלאגען זיך. דערצו האבען זיי נאך די זיכערהייט, אז באלד נאך דער מלחמה, און דוקא דורך דער מלחמה, וועלען קומען בעסערע צייטען, פיעל בעסערע ווי פריהער. ס'לוינט צו ליידען, דאס גיט צו מוט אריבערצוטראגען רוהיג די שלעכטע צייט.

פון די ידיעות, וואס זיינען אנגעקומען גאר אין די לעצטע מאנאטען איז כדאי צו בעמערקען פאלגענדעס:

דער בעוואוסטער קאמענדאנט איז אפגערופען געווארען פון יפו.

די טיפוס קראנקהייט האט אויפגעהערט. עס זיינען אבער געווען צופעללע פון חאלירע, איבערהויפט צווישען די אראבער און אין די ארעמע אידישע קווארטאלען, עס איז צו בעמערקען, אז אין יפו אין די קווארטאלען, ווא די אידען וואהנען צוזאמען מיט די אראבער (נוה־שלום), זענען געווען פינף צופעלע פון חאלירע; אין „נוה צדיק״, וואו די גאסען זיינען זויבער און וואססער נעהמט מאן פון תל־אביב, איז געווען נאר איין צופאל (דארט וואהנען אייניגע הונדערט פאמיליען); אין תל־אביב איז קיין איין צופאל ניט געווען.

דרך אגב, די מעדיצינישע קאממיססיאן, וואס דער פרויען פעראיין „הדסה״ האט געוואלט שיקען נאך א״י, וועט ווי עס שיינט אין גיכע צייטען ניט קענען פאהרען, ווייל די דייטשע רעגיערונג לאזט ניט דורך פאהרען לייטע, וואס זיינען ניט געבוירען אין אמעריקא. און בכלל איז א ספק, אויב מאן קאן יעצט דורך פאהרען דעם וועג פון בודאפעסט אין דער טירקיי.

די לעהרער האט מאן ניט בעפרייט פון מיליטער דיענסט; זיי זיינען צוזאמען מיט די עלטערע שילער אין די מיליטער־שולען. דער פראוויזשיאנאל־קאמיטע מוז פיר זיי ווי אויך פיר די גרעסטע טהייל פון די שיללער, שיקען מיטטעל אויף צו לעבען ביז טויזענד דאללאר א מאנאט, ווייל זיי האבען דארט ניט גענוג צום עססען און אויף קליידונג.

די ערנטע אין א״י וועט זיין אביסעל ערגער וויא מאן האט גערעכנט, ווייל אין אנפאנג זומער זיינען געווען עטליכע טעג נאכאנאנד הייסע ווינטען (חמסין); דאך וועט זיין גענוג ברויט אין לאנד, דער ברויט איז אבער נאך ניט ביליגער געווארען, ווייל מאן קויפט אפ פיעל ברויט פיר דער ארמעע. א זעקעל מעהל (100 קילאגראם) קאסט נאך יעצט 120 פראנק, אנשטאט 40-50 פ״ר. וואס האט געקאסט פאראיאהרען אין דער זעלבער צייט, און אז מאן קויפט פיר פאפיער געלד קאסט עס ביז 180 פראנק. *

פלייש איז געראדע דיזעס יאהר ביללינגער ווי פריהער. גרינסען (וועג׳עטעבל) האט מאן אויך קולטיווירט. פיעל. דער נאציאנאל־פאנד האט אויסגעליהען געלד די ארבייטער גרופען, וועלכע עס האבען זיך בעשעפטיגט מיט גרינס. ער האט אויך געגעבען פרעמיעס פיר די בעסטע סארטען און האט צוגעשיקט זריעות פון אויסלאנד.

דער נאציאנאל פאנד מעלדעט, אז פאר דער מלחמה צייט האט ער אריבערגעשיקט אין ארץ ישראל אויף דער ארבייט אין זיינע פארמעס, אויף אנדערע ארבייטסמעגליכקייטען און נויטהען בסך הכל ביז 700,000 פראנק.

פון די ארבייטסמעגליכקייטען זיינען בעזאנדערס אינטערעסאנט די הלואות, וואס מאן האט געמאכט אויף דרוקזאכען, אום צו געבען ארבייט די שריפטזעצער, די דרוקער, די איינבינדער און פיללייכט אויך די שרייבער, דורך די הלואות עקזיסטירט די וועכענטליכע ארבייטער צייטונג „הפועל הצעיר״; דיעזע ארבייטער גרופע

---

*) עס איז נויטיג צו וויסען, אז פאר דער טערקישער לירה (23 פ״ר) אין פאפיער בעקומט מאן דארט יעצט מיט קלינגענדע מטבעות נאר 14-15 פ״ר. דערפאר קומען פאן דארט אפט קלאגען, אז זיי בעקומען ניט דאס גאנצע געלד, וואס מאן שיקט זיי, דאס איז דערפאר וואס דער געשיקטער טשעק ווערט אין קאנסטאנטינאפאל אויסגעצאהלט מיט טערקישע פאפיערלירעס, און אזוינע געהט עס ביטען אויף מטבעות בעקומט מאן פאר דעם געשיקטען דאלאר נאר 3 פראנק, פאריגעס יאהר פלעגען די אמעריקאנער שיפען ברייגען אין יפו גאלדערנע מטבעות, יעצט איז עס אונמעגליך.

האט ארויס געגעבען א זאמעלבוך „בשעה זו" וועגען צייט פראגען. מיט דעם זעלבען נאמען איז ארויס געגעבן געווארען א זאמעלבוך לכבוד דעם יובילעאום פון דעם פאעט ביאליק. די פעלי ציון האבען ארויסגעגעבען א זאמעלבוך „בין הזמנים" וועגען צייט פראגען. דער פלשתנה אמט גיט ארויס א קליינע ביבליאטעק וועגען אגראנאמיע. די לעהרער פון גימנאזיום האבען אפגעדרוקט איין לעהרבוך וועגען אנאטאמיע און היגיענע, און איין לעהרבוך וועגען מאטעמאטיק. א גרופפע פון ליטעראטארען גיבען ארויס קליינע ביכלעך צום לעזען פיר די קינדער. דוד ילין האט ארויס געגעבען זעהר א אינטערעסאנטען ראפפארט מיט גענויע ציפפערן וועגען דער הילפס ארבייט אין א"י. מר. לונץ האט ילין זעם יאהר אויך געדרוקט זיין יאהרבוך „לוח ארץ ישראל". אם ענדע איז בעשטימט געווארען דארט ארויס צו געבען לזכר פון דעם אידישען שרייבער שלום עליכם פעריאדישע בראשיורען אין העברעאיש. אט אזוי ווען מאן פערווענדעט אפילו קליינע הילפסמיטעל מיט א סיסטעם און מיט א גייסט, שאפט מאן מיט ווייניג געלד עהרליך פערדיענטען ברויט און דאצו גייסטליכע נאהרונג פיר פיעלע מענשען.

דאגעגען מעלדעט מאן פאן דארט, דאס פון די אללגעמיינע רעליעף געלדער, וועלכע עס ווערען דארט פערטיילט (איבערהויפט אין ירושלים) דורך קאמיטעען פון קאנסערוואַרטיווע לייטע, גיט מאן כמעט גארנישט פיר ארבייטס מעגקיכקייטען. א פאר־שטעהער פון אן ארבייטער ארגאניזאציאן שרייבט, אז מיט די היפלסגעלדער, וואס קומען פון אמעריקא, האט מאן געקענט זעהר פיעל אויפטהון, טויזענדער מענשען האבען געקענט ערנעהרען זיך פון זייער ארבייט ניט פון נדבות, ליידער אבער ווילען די קאמיטעטען דערפון ניט הערען, זיי טהיילען פשיט נדבות און דעמאראליזירען פיעלע ארבייטספעהיגע לייטע. אין איינעם פו די זאמעלביכער בריינגט מאן דעם וואונדערבארען פאקט, אז ווען עס איז געקומען פאר א יאהרען די אמעריקאנער שיף מיט עסענווארג, האבען פיעלע פערהעלטניסמעססיג ארעמע לייט ניט געוואלט נעמען אומזיסט, זיי האבען גע־

וואלט צאהלען ביליגע פרייזען, אדער לכל הפחות פערפליכטען זיך מיט וועקסלען און גאראנטירען, אז זיי וועלען אפ צאהלען נאך דער מלחמה. די אמעריקאנער פארשטעהער וואס זיינען געקומען מיט דער שיף האבען אבער געטענעט, אז זיי מוזען טהיילען אוני־זיסט, מאן בעט פון דארט, מאן זאל אויף זעלבע פאקטען אויפמערק־זאם מאכען דעם היעגען דיסטריביושען קאמיטעע.

די קאלאניסטען און די ארבייטער דארפען יעצט אויך קיינע נדבות, נאר א הלואה, עס זאל זיין מיט וואס צו בעארבייטען די גערטנער, איבערהויבט די אראנדזשגערטנער, (די אקערבוי קאלא־ניען נויטיגען זיך אין גאר נישט). מאן מוז האבען א נייע הלואה פון 80 ביז 100 טויזענד דאלאר, וועלכע מאן קאן ווידער פערזיכע־רען מיט דעם פערמעגען און מיט דער איינקינפטע פון די פרוכטען; דאן וועלען דיא גערטנער גאנץ בלייבען, און הונדערטער מענשען ווע־לען פון ארבייט פערדיענען זייער ברויט. דאס איז דאך די בעסטע רעליעף ארבייט.

די ציוניסטישע באנק בעקומט יעדער מאנאט פון דער ציונים־טישער ארגאניזאציאן א הלואה פון 5 - 10 טויזענד דאלאר און טהיילט עס צו איהרע קרעדיטארען, זיי זאלען ניט דארפען אנקומען צו רעליעף געלדער. אט די „געשלאסענע” באנק איז דאכט זיך דארט די איינציגע, וואס זארגט אזוי ערנסט וועגען איהרע קרע־דיטארען.

דער ביזשעט פיר די שולען אין א״י איז דיעזעס יאהר גע־שטיעגען פון 240 אויף 500 טויזענד פראנק; דאס איז איבער צוויי סבות: ערשטענס, האט מאן יעצט געמוזט אריין נעהמען די שול־לען, פיר וועלכע עס האט פריהער געגעבען דער ועד חובבי ציון פון אדעססא ווי אויך די שולען פון דער שטאט דמשק (א בעפעלקע־רונג פון 15 טויזענד אידען.) צווייטענס איז דורך דעם געפאלענעם קורס פון פאפיער געלד פערליערט מאן 30 - 40 פראצענט פון דעם צוגעשיקטען געלד. דער פראוויזיאנאל קאמיטע וועט מוזען בעשטע־טיגען דעם נייען ביזשעט.